ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# עין יעקב

על מסכת

# הוריות

בלשון הקודש
ואידיש

228

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"ו לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# ספר
# עין יעקב
## מסכת הוריות

כולל כל האגדות מתלמוד בבלי וירושלמי, הנמצאות במסכת הוריות

עם פירוש רש״י בשלמותו והחדושים שנתוספו בו, ככל הנמצא בספר עין יעקב הגדול.

גם איזה מאמרים מתוספות מהרש״א, הרי״ף, ועיון יעקב.

גם ציוני הדפוס בש״ס, וציוני המקראות בתנ״ך, והגהות הב״ח.

ונוסף על זה פירוש עברי טייטש הנהוג במדינתנו.

**נעתק על ידי ה״ר יוסף מאיר יעב״ץ**

**מעתיק המשניות עברי טייטש.**

❖

**הוצאת אמונה**

ברוקלין נוא יארק, שנת תשמ״ו לפ״ק

(דף ג ע"ב) **א סמכו** רבותינו על דברי רבן שמעון בן גמליאל ועל דברי ר' אלעזר בן צדוק שהיו אומרים אין גוזרין גזירה על הצבור אלא א"כ רוב הצבור יכולים לעמוד בה. אמר רב אדא בר אהבה מאי קראה (מלאכי ג) במארה אתם נארים ואותי אתם קובעים הגוי כלו אי איכא גוי כלו אין ואי לא לא :

במארה אתם נארים. כגון שהגוי כלו יכולין לקבלה: אי איכא גוי כלו. וקא עבר עלה כאי גברא לאהו אתם קובעים והכי כתיב בספרים במס' ע"ז בפרק אין מעמידין: מיבא. תוספתא: מדכתיב בקהל יהודה אלמא דשבט אחד אקרי

**ב א"ר** יהושע עשרה שיושבין בדין קולר תלוי בצואר כלן פשיטא הא קמל"ן דאפילו תלמיד בפני רבו. רב הונא כי הוה נפיק לבי דינא מייתי עשרה תנאי דבי רב לקמיה כי היכי דנכמיין שיבא מכשורא. רב אשי כי הוו מייתי טריפה לקמיה מייתי עשרה טבחי ממתא כתסיא ומותיב קמיה אמר כי היכי דנמטיין שיבא מכשורא :

(דף ה ע"ב) **ג ורבי** יהודה ור"ש שבט אחד דאיקרי קהל מנ"ל אמרי דכתיב (ד"ה ב' כ) ויעמוד יהושפט בכהל יהודה וירושלים בבית ה' לפני החצר החדשה מאי חדשה א"ר יוחנן שחדשו דברים ואמרו טבול יום אל יכנס במחנה לויה.

כתקיף

---

# פרק ראשון

**א** סמכו. דיא רבנן האבען זיך פאר לאזען אויף דיא רייד פון רבן שמעון בן גמליאל אונ אויף דיא רייד פון רבי אלעזר בן צדוק וואס זייא האבען געזאגט מען טאר ניט גוזר זיין א גזרה אויף א פארזאמלונג יודען סיידין דאס מערסטע פון דעם פארזאמלונג קענען בשטיין צוא האלטען די גזרה. רב אדא בר אהבה זאגט דאס ווייסען מיר פון דעם פסוק דער נביא האט געזאגט איר ווערט געפלוכט מיט א פלוכונג אונ מיך גזלת איר. וואס איר גיט ניט קיין תרומה אונ מעשר. דאס גאנצע פאלק איז בעשטאנען אויף דיא פלוכונג. מען זאל פלוכין דעם מענטש וואס וועט ניט געבען קיין תרומה אונ מעשר. אויב דם גאנצע פאלק בשטייט מען זאל אזוי פלוכין דעם מענטש וואס וועט ניט מקיים זיין צו געבין תרומה אונ מעשר. פלוכט מען יא. אבער אז די גאנצע פאלק וואלטין ניט בעשטאנען אויף די פלוכונג וואלט מען ניט גיפלוכט :

**ב** אמר. רבי יהושע האט געזאגט אויב צעהן דיינים זענען גיזעסן אונ האבען גיפסקנט א דין. אונ האבען א טעות גיהאט. אונ האבען פאלש גיפסקנט. איינגט די קייט אויף די האלדז פון אלע. ווערין אלע צעהן דיינים גישטראפט. פרעגט דיא גמרא געוויס ווערין אלע צעהן גישטראפט. ענטפערט די גמרא אפילו דארט איז גיזעסן א תלמיד פאר זיין רבי והער רבי איז גיוועזען איינער פון דיא צעהן דיינים) ווערט דער תלמיד אויך גישטראפט. ווען רב הונא פלעגט גיין אין בית דין שטוב משפטין א דין פלעגט ער מיט נעמען צעהן תנאים פון בית המדרש זייא זאלין מיט אידם צו זאמען פסקנן דעם דין. טאמער וועט מען א טעות האבען אונ מען וועט גישטראפט ווערין. וועט אוים קומען אויף יעדער דיין א צעהנטיל פון דיא שטראף. דם הייסט אויף יעדען וועט אוים קומען א שפענדיל פון א בעלעק. אז מען פלעגט ברייגגען פר רב אשי א בהמה זעהן צוא זיא איז כשר אדער טריף. פלעגט ער רופען צעהן שוחטים פון דיא שטאט כתסיא אונ פלעגט זייא זעצין נעבין זיך. ער האט גיזאגט טאמער וועלען מיר פאלש פסקנן זאל אויף יעדין פון אונז אוים קומען א שפענדיל פון א בעלעק. דם הייסט א צענטיל פון דיא שטראף :

**ג** ורבי יהודה. פון וואנען ווייס רבי יהודה אונ רבי שמעון אז איין שבט ווערט אויך גירופן קהל. א פארזאמלונג. ווארום עס שטייט אין פסוק יהושפט האט זיך גישטעלט אין די פרזאמלונג פון יהודה אונ ירושלים אין דיא הויז פון גאט פאר דעם נייעם הויף. זעהן מיר אז דער שבט יהודה הייסט א פארזאמלונג. וואס מיינט מען א נייער הויף. רבי יוחנן זאגט מען האט דארט

בענייעט

מתקיף לה רב אחא בר יעקב ממאי דילמא שאני ירושלים דהוה נמי בנימין אלא א"ר אחא בר יעקב דכתיב (בראשית מח) ויאמר אלי הנני מפרך והרביתיך ונתתיך לקהל וגו' מאן איתיליד ליה ההיא שעתא בנימין ש"מ ה"ק רחמנא מתיליד לך השתא קהל אחרינא א"ל רב (שיזבא) [שבא] לרב כהנא דילמא הכי קמ"ל רחמנא לכי מתיליד לך בנימין הוא דהוו י"ב שבטים דמתקרי קהל א"ל אלא י"ב שבטים איקרו קהל י"א לא איקרו קהל;

(דף ו ע"ב) **ד אמר** רב אחא בר יעקב שבטו של לוי לא איקרי קהל דכתיב (בראשית מח) הנני מפרך והרביתיך ונתתיך לקהל עמים וגו' כל שיש לו אחוזה איקרי קהל וכל שאין לו אחוזה לא איקרי קהל:

קהל: ודלמא שאני. שבט יהודה דהוה עמיה בירושלים שבט בנימין והוו שבטים הוא דאקרי קהל אבל שבט אחד לא: אלא. מהאי הנני מפרך והרביתיך ונתתיך לקהל עמים וגו' והכי אמר ליה הכי דכתיב ויאמר אלהים אל יעקב עוד בבואו מפדן ארם וגו' וכתיב ויאמר לו אלהים אני אל שדי פרה ורבה גוי וקהל גוים יהיה ממך וגו': מאן הוה אתיליד ליה בהאי שעתא. כלומר מאן הוה עתיד למילד בהאי שעתא בנימין וש"מ דקא"ל רחמנא השתא מתיליד לך קהל אחרינא: י"א שבטים לא. בתמיה והא אמרה דשני שבטים איקרי קהל יהודה ובנימין אלא ודאי הכי קא"ל דהשתא מתיליד לך קהל אחרינא אלמא שבט בנימין לבדו איקרי קהל: ונתתיך לקהל עמים. ונתתי את הארץ הזאת לזרעך אחריך אחוזת עולם: כל שיש לו אחוזה איקרי קהל. וכהנים ולוים אין להם אחוזה:

## הורה כהן משיח פרק שני

(דף ח) (במדבר טו) **א וכי** תשגו ולא תעשו בעבודה זרה כתיב מנא לן אמר רבא ואי

---

בעניעט נייע דינים אונ מען האט גזאגט אמבול יום זאל ניט אריין גיין אין דיא מחנה פון לוים (אז איינער איז געווען טמא אונ האט זיך טובל געווען. פון נאך דער טבילה ביז נאכט הייסט ער טבול יום). האט רב אחא בר יעקב געפרעגט טאמער דריבער הייסען די מענטשן פון ירושלים אפאר זאמלונג ווייל אין ירושלים איז דא צוויי שבטים שבט יהודה אונ שבט בנימין. אבער איין שבט הייסט טאקי ניט קיין פאר זאמלונג. האט רב אחא בר יעקב גזאגט פון דאנען ווייסען מיר אז איין שבט הייסט אויך אפאר זאמלונג. וואר-ום עס שטייט אין פסוק יעקב הט גזאגט גאט הט גזאגט צו מיר איך וועל דיך פרוכטבאר מאכן אונ וועל דיך מערין אונ דיך געבין צו אפאר זאמלונג. ווער איז געבארין געווארין צו יעקב נאך דיא רייד. נאר בנימין: הט גאט גזאגט צו יעקב (אויף בנימין) עס וועט צו דיר געבארן ווערין אפאר זאמלונג. זעהן מיר אז איין שבט ווערט גירופען אפאר זאמלונג. האט רב שבא גזאגט צו רב כהנא טאמער האט גאט אזוי גזאגט צו יעקב אז צוא דיר וועט געבארין ווערין בנימין וועט זיין צו זאמען צוועלף שבטים וואס זייא אלע צו זאמען ווערין גירופען אפאר זאמלונג. האט רב כהנא גזאגט נאר צוועלף שבטים ווערין גירופען אפאר זאמלונג. אבער עלף שבטים ווערין ניט גירופען אפאר זאמלונג. עלף שבטים ווערין דאך אויך גירופען אפאר זאמלונג איז דאך אן בנימין אויך דא אפאר זאמלונג. נאר דער פסוק מיינט דער שבט בנימין אליין ווערט גירופען אפאר זאמלונג. וואר-ום איין שבט הייסט אויך אפאר זאמלונג:

**ד אמר.** רב אחא בר יעקב האט גזאגט דער שבט לוי ווערט ניט גירופען אפאר זאמלונג. וואר-ום עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט צו יעקב איך וועל דיך פרוכטבאר מאכען אונ וועל דיך מערין אונ וועל דיך געבין צו אפאר זאמלונג פון פעלקער. דער שבט וואס הט גינומען אחלק אין ארץ ישראל ווערט גירופען אפאר זאמלונג. אונ די לוים ווייל זייא האבען ניט גינומען אחלק אין ארץ ישראל ווערין זיי ניט גירופען אפאר זאמלונג:

## פרק שני

**א וכי.** אז איר וועט אטעות האבען אונ איר וועט ניט טאהן וואס גאט הט גיבאטן. דער פסוק שמועסט אז מען וועט דינען עבודה זרה. פון וואנען ווייסען מיר אז דער פסוק

שמועסט

ואי תימא ריב"ל ואמרי לה כדי דאמר קרא (שם) וכי תשגו ולא תעשו את כל המצות האלה אי זה מצוה ששקולה כנגד כל המצות הוי אומר זה ע"ז דבי רבי תנא אמר קרא .וכי תשגו ולא תעשו את כל המצות האלה אשר דבר ה' אל משה את כל אשר צוה ה' אליכם ביד משה אי זו היא מצוה שהיא בדבורו של הקב"ה וצוה על ידי משה הוי אומר זה ע"ז דתנא רבי ישמעאל אנכי ולא יהיה לך מפי הגבורה שמענום. דבי רבי ישמעאל תנא (ע"ב) (שם) מן היום אשר צוה ה' והלאה לדורותיכם אי זה מצוה שהיא נאמרה בתחלה הוי אומר זהו ע"ז והאמר מר י' מצות נצטוו ישראל במרה אלא מחוורתא כדשנינן מעיקרא:

(דף ט) **בהיה** רבי ירמיה אומר כתיב (ויקרא ה) ואם לא תגיע ידו ונאמר (שם) ואם לא תשיג ידו מי שבא לידי עניות ועשירות יצא נשיא נכהן משוח שאינם באים לידי עניות בנשיא כהו אומר מכל

ששקולה כנגד כל המצות הוי אומר זו ע"ז . שכל המודה בה ככופר בכל התורה: כתיב כל אשר צוה ה' אליכם ביד משה . דמשמע שצוה ע"י משה וכתיב אשר דבר ה' דמשמע שהיה בדבורו של הקב"ה כלומר ששמעו ישראל מפיו כשדבר למשה: איזו היא מצוה שהיא בדבורו של הקב"ה וצוה ע"י משה הוי אומר זו ע"ז . דאנכי ולא יהיה לך מפי הגבורה שמענום דהיינו ששמעו בדבורו של הקב"ה וצוה ע"י משה במקומות הרבה כגון לא תשתחוה לאל אחר דלא שמענו אלא מפי משה : מן היום וגו'. הכי משמע את כל אשר צוה ה' אליכם ביד משה דא ע"ז ומנין הוי ע"ז מדכתיב בהדיה מן היום אשר צוה ה' והלאה שאר מצוה והלאה כלומר מכאן והלאך לדורותיכם איזו היא מצוה שנאמרה בתחלה הוי אומר זו ע"ז דכתיב בתחלת עשרת הדברות אנכי ולא יהיה לך דהיינו ע"ז: י' מצות נצטוו במרה . דהיינו קודם מ"ת אלמא ע"ז לא נאמרה תחלה : אלא מחוורתא כדשנין מעיקרא כדריב"ל או כדבי רבי :

ואם לא תגיע ידו ולא תשיג . משמע מי שבא לידי עניות ועשירות דפעמים עני ופעמים עשיר בא דישנו בקרבן עולה ויורד : יצא נשיא ומשוח דלעולם עשירים הם נשיא שאין על גביו שום אדון אלא ה' אלהיו דהיינו מלך ומלך לעולם הוא עשיר

---

שמועסט פון עבודה זרה. האט רבא געזאגט אנדערע זאגן רבי יהושע בן לוי האט געזאגט אנדערע זאגן כדי האט געזאגט עס שטייט אין פסוק איר וועט אטעות האבען און איר וועט ניט טאהן דיא אלע מצות. וועלכע מצוה איז געוואוגין געגין אלע מצות. דאס איז עבודה זרה. אז מען דינט עבודה זרה איז גלייך ווי מען וואלט ניט געהיט דיא גאנצע תורה. דבי רבי האבען געלערנט עס שטייט אין פסוק אז איר וועט אטעות האבען און איר וועט ניט טאהן די אלע מצות וואס גאט האט גערעדט צו משה אלין וואס גאט האט געבאטען צו אייך דורך משה. וועלכע מצוה האט גאט אליין גערעדט צו דיא יודען און דורך משה איז זיא נאך אמאהל געבאטען געווארין. דאס איז עבודה זרה. ווארום רבי ישמעאל האט' געלערנט אנכי און לא יהיה לך האבען יודען געהערט פון גאט אליין. גאט אליין האט גערעדט צו דיא יודען אנכי ה אלהיך לא יהיה לך אלהים אחרים (איך בין דיין גאט זאלסט ניט דינען פרעמדע געטער) און דורך משה איז אויך געבאטען געווארען פיל מאהל אין דער תורה אז מען זאל ניט דינען עבודה זרה. דבי רבי ישמעאל האבען געלערנט עס שטייט אין פסוק פון דעם טאג וואס גאט האט געבאטען און וייטער צו אייערע דורות. וועלכע מצוה איז דיא ערשטע וואס גאט האט געבאטען. דאס איז עבודה זרה. מען זאל ניט דינען עבודה זרה (אנכי ה' אלהיך לא יהיה לך אלהים אחרים). פרעגט דיא גמרא דער תנא האט דאך געזאגט צעהן מצות זענען דיא יודען געבאטען געווארען אין מרה. נאך איידער מען האט געגעבין דיא עשרת הדברות. איז דאך עבודה זרה ניט דיא ערשטע מצוה. נאר דאס בעסטע איז וויא מיר האבען פריער געענטפערט וויא רבי יהושע בן לוי אדער ויא רבי:

**ב** היה. רבי ירמיה פרעגט זאגין עס שטייט אין פסוק ואם לא תגיע ידו אויב זיין האנט וועט ניט גרייכען צוא ברענגען אשעפס. נאך שטייט אין פסוק ואם לא תשיג ידו. אויב זיין האנט וועט ניט גרייכען צו ברענגען אשעפס. ער וועט זיין אארעם מאן. זאל ער ברענגען טאהבין. דער מענטש וואס קען אמאהל ארעם ווערין און אמאהל רייך ווערין. דער דארף ברענגען אמאהל אטייערין קרבן אמאהל אוואלוועלין קרבן. אבער אנשיא און אכהן גדול וואס זייא ווערין קיין מאהל ניט ארעם. ברענגען זייא אייביג אטייערען קרבן. ביא אנשיא שטייט אין פסוק ער וועט ניט טאהן איין מצוה פון דיא אלע מצות פון זיין גאט. דער נשיא מיינט מען אמלך

(שם ד) מכל מצות ה' אלהיו מי שאין על גביו אלא ה' אלהיו בכהן משיח הוא אומר (שם כא) והכהן הגדול מאחיו שיהא גדול מאחיו בכח בנוי ובעושר ובחכמה. אחרים אומרים מנין שאם אין לו שאתה חייב לגדלו משאר אחיו ת"ל הגדול מאחיו גדלהו משל אחיו:

זק משיח כ"ג נמי בעי שיהא גדול מאחיו כמוכר דלעולם ליכוי עשיר: בשורה היא להם. שהכתוב מבשרן שעתיד להיות אע"פ שדבר רע הוא ה"נ אימא גזרה הילכך כתיב אם (הכהן המשיח) יחטא לכשיחטא כ"נ (הכי נשיא יחטא) לכשיחטא: ר"ש אומר. ונתתי נגע צרעת שיהא בא מאליו (פרט לנגעי אונסין. שאם באו נגעים ע"י כשפים הא לא מיטמו):

## כהן משיח פרק שלישי

(דף י) **א ת"ר** (ויקרא ד) אשר נשיא יחטא יכול גזרה ת"ל (שם) אם הכהן המשיח יחטא מה להלן לכשיחטא ה"נ לכשיחטא. אמר יכול גזרה גזרה מהיכא תיתי אנדי אין אשכחן דכתיב (שם יד) ונתתי נגע צרעת בבית ארץ אחוזתכם בשורה היא להם שנגעים באים עליהם דברי רבי יהודה ר"ש אומר פרט לנגעי אונסין לאו א"ר יהודה בשורה הכא נמי אימא גזרה היא הילכך כתיב אם:

**ב ת"ר** (ויקרא ד) אשר נשיא יחטא פרט לחולה משום דחולה אידחי מנשיאותו אמר רב אבדימי בר

---

אמלך. וואס איבער אידם איז שוין קיין גרעסערער ניטא נאר גאט אליין. אונ אמלך איז דאך געווים רייך. ביי דעם גיזאלבטין כהן שטייט דער כהן וואס וועט זיין גרעסער פון זיינע ברידער. ער זאל זיין גרעסער פון זיינע ברידער מיט כח מיט שיינקייט מיט רייכקייט מיט חכמה. אנדערע זאגין פון וואנען וויסען מיר אויב דער כהן גדול האט ניט קיין געלט. מוזין איהם זיינע ברידער רייך מאכען: שטייט אין פסוק הגדול מאחיו. ער זאל גרויס ווערין פון זיינע ברידער. זיינע ברידער זאלען איהם גרויס מאכען. זעהן מיר דאך אז דער נשיא אונ דער כהן גדול זענען איבעג רייך. מוזין זיא איבעג ברייגגען אטייערין קרבן אויף זייער עבירה:

## פרק שלישי

**א** תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערונט עס שטייט אין פסוק אשר נשיא יחטא. אז דער נשיא וועט זינדיגען. וואלט איך מיינען עס איז אגזרה פון גאט אז אנשיא זאל זינדיגען. שטייט אין פסוק אם המשיח יחטא. אויב דער גיזאלבטער כהן וועט זינדיגען. אזוי וויא ביי דעם גיזאלבטין כהן איז דאך נאר אספק. אויב ער וועט זינדיגען. אזוי ביא דעם נשיא מיינט אויך דער פסוק אספק אויב ער וועט זינדיגען. פרעגט דיא גמרא פריער האט מען גזאגט איך וואלט מיינען עס איז אגזרה פון גאט אז אנשיא זאל זינדיגען. וויא אזוי וואלט איך דאס מיינען אז גאט זאל גוזר זיין ער זאל זינדיגען. ענטפערט דיא גמרא איך וועל דיר זאגין מיר געפינען אזוי. ווארום עס שטייט אין פסוק גאט זאגט איך וועל געבין אפלאג פון קרעץ אין דיא שטובין וואס וועט זיין אין דער לאנד ארץ ישראל וואס איר ירשת זיא. גאט זאגט אן דיא יודין אז אויף זייערע הייזער וועט קומען אפלאג פון קרעץ. אזוי זאגט רבי יהודה. רבי שמעון זאגט אזוי מיינט דר פסוק אויב עס וועט קומען אפלאג פון צרעת אין אשטוב פון זיך אליין. זאל דיא שטוב ווערין טמא. אבר אז די פלאג וועט קומען דורך אשד זאל דיא שטוב ניט זיין טמא. זעהן מיר דאך אז רבי יהודה זאגט אפילו אשלעכטע זאך זאגט אויך גאט פריער וואס עס וועט זיין. קען זיין אז דא זאגט אויך גאט פריער אז אנשיא וועט זינדיגען. דריבער טוז מען אפ לערנען פון כהן גדול. אז דער פסוק מיינט אויף אספק. אויב דער נשיא וועט זינדיגען.

**ב** תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערונט עס שטייט אין פסוק אז אנשיא וועט זינדיגען. אבער ניט אז דער נשיא איז קראנק. פרעגט דיא גמרא אז דער נשיא איז קראנק איז ער שוין קיין נשיא ניט. האט רב אבדימי בר חמא גזאגט אזוי מיינט מען אבער ניט אז דער נשיא

איז

בר חמא פרט לנשיא שנצטרע שנא' (מ"ב טו) וינגע ה' את המלך ויהי מצרע עד יום מותו וישב בבית החפשית מדקאמר בבית החפשית מכלל דעד השתא עבד הוה כי הא דרבן גמליאל ורבי יהושע הוו קא אזלי בספינתא בהדי רבן גמליאל הוה פתא ובהדי ר' יהושע הוה פתא וסולתא שלים פתא דרבן גמליאל סמך אסולתא דרבי יהושע א"ל מי הוה ידעתא דהוי לן עכובא כולי האי דאייתית סולתא א"ל כוכב אחד יש שעולה לשבעים שנה ומתעה את הספנין אמרתי שמא יעלה ויתעה אותנו א"ל וכל כך יש בידך ואתה יורד לספינה א"ל עד שאתה תמה עלי תמה על ב' תלמידים שיש לך ביבשה רבי יוחנן בן גודגדא ור' אלעזר חסמא שיודעין לשער כל טפין שבים ואין להם לחם לאכול ובגד ללבוש נתן דעתו להושיבן בראש כשעלה ליבשה שלח להם ולא באו חזר ושלח להם ובאו אמר להם כמדומין אתם ששררות אני נותן לכם (ע"ב) עבדות אני

ויהי בבית החפשית. דנעשה חפשי מן המלכות כהדיוט דמי ואין מביא שעיר וכו': מכלל דעד השתא עבד הוה. דשררות עבדות הוא לו לפי שמוטל עליו עול רבים: סולתא. סולת ולהכי נקט בהדיא סולת לפי שהפת מתעפשת ואינו מתקיים כסולת: ומתעה את הספנין. שהן דרכן של ספנים בעת שפורשים לים רב החובל נותן עיניו בצפון והכוכב מהלך לדרום ורואה בכוכב א' שעומד בימינו או בשמאלו וכל זמן שרואה אותו כוכב בצד אחד יודע שהולכת הספינה ומישרה לדרכה וכוכב שעולה אחד לשבעים שנה פעמים שנראה בצפון ופעמים שנראה בדרום וכשרב החובל נותן עיניו בו בצפון והספינה תהפך בדרום ורואהו בצד אחר סבור שנהפכה הספינה ומישרה אחר הכוכב שהוא סבור לישרה ונמצא מהפכה לדרך אחר וכן הוא מתעה הספנין: א"ל כל כך החכמה יש בידך ואתה יורד לספינה. בתמיה בשביל מזונותיך כלומר אתה צריך לירד לספינה לצורך מזונות: נתן דעתו. רבן גמליאל להושיבם בראש כדי שיהו מתפרנסין מאותה שררה שיתן להם: כמדומין אתם שררות אני נותן לכם. אלא כאהם באליתום ראשון שהייתם בורחים מן הגדולה: עבדות אני נותן לכם. שהשררות עבדות היא לו לאדם לפי שמוטל עליו עול רבים ע"כ פי' רש"י:

איז קרעציג געווארן. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט געפלאגט דעם מלך אונ ער איז געוועזן קרעציג ביז דעם טאג וואס ער איז געשטארבען אונ ער איז געזעסן אין דיא פרייע שטוב. דאס מיינט מען ער איז געווארן פריי פון דיא מלוכה. וועהן מיר אז א נשיא ווערט קרעציג איז ער שוין ניט קיין נשיא. זאגט די גמרא וויל מען זאגט דער מלך איז איצט פריי געווארן. ווייל ער איז געווארן אויס מלך. אבער ביז איצט ווען ער איז געוועזן א מלך איז ער געוועזן אקנעכט. ווארום יעדער מלך איז אקנעכט צו זיין מדינה. אזוי וויא רבן גמליאל אונ רבי יהושע זענען אמאהל געפארען אין אשיף. רבן גמליאל האט ניהאט מיט זיך ברויט. אונ רבי יהושע האט גיהאט מיט זיך ברויט אונ מעהל. אונ ביא רבן גמליאל האט זיך אויס גיגאנגען דיא ברויט. ער האט שוין זיין ברויט אויף גיגעסן האט ער זיך פאר לאזן אויף די מעהל פון רבי יהושע. מען וועט מאכען פון דיא מעהל ברויט אונ מען וועט עסן. האט רבן גמליאל גזאגט צו רבי יהושע פון וואנען האסטו געוואוסט אז מיר וועלין זיין אזוי לאנג אויף דיא שיף וואס דו האסט מיט גענומען מעהל. האט רבי יהושע גזאגט עס איז דא איין שטערין וואס ער קומט איין מאהל אין זיבעציג יאהר אונ. ער פאר בלאנדזעט דיא שיפען זייא זאלין ניט וויסען דיא וועג. האב איך מורא גיהאט טאמער איז היינט דיא זיבעציג יאהר וועט דער שטערין קומען אונ וועט פאר בלאנדזען אונזער שיף. דריבער האב איך מיט גענומען מעהל. האט רבן גמליאל גזאגט צו רבי יהושע אזוי קלוג ביסטו אונ דוא קענסט דיך ניט דער נערין פון דיין חכמה אין דער היים נאר דוא מוזט פארען אויף דעם ים זוכען דיין פרנסה. האט רבי יהושע גזאגט צו רבן גמליאל א ידער דוא וואונדערסט דיך אויף מיר וואס איך האב ניט קיין פרנסה אין דער היים. וואונדער דיך אויף דיינע צווייא תלמידים וואס דוא האסט אין שטאט דאס איז רבי יוחנן בן גודגדא אונ רבי אלעזר חסמא. דאס זייא וויסען צוא ברעכענען וויא פיל טראפין עס איז דא אין ים. אונ זייא האבען ניט קיין ברויט צוא עסן אונ קיין קלייד אן צו טאהן. האט רבן גמליאל גיטראכט אז ער וועט קומען אהיים זאל ער זייא מאכען פאר ראשי ישיבות וועלין זייא האבען פרנסה. ווען רבן גמליאל איז גיקומען אהיים האט ער געשיקט רופן דעם רבי יוחנן אונ רבי אלעזר. האבען זייא ניט גיוואלט קומען. האט ער נאך אמאהל געשיקט נאך זייא זענען זייא גיקומען. האט רבן גמליאל גזאגט צו זייא איר מיינט איך וויל אייך געבין אגרוסקייט

אני נותן לכם שנאמר (מ"א יב) וידברו אליו לאמר אם היום תהיה עבד לעם הזה:

ג תנו רבנן (ויקרא ד) אשר נשיא יחטא א"ר יוחנן בן זכאי אשרי הדור שהנשיא שלו מביא קרבן על שגגתו ומה אם נשיא מביא קרבן על שגגתו צריך אתה לומר ההדיוט ומה אם על שגגתו מביא קרבן צ"ל מזדונו. מתקיף לה רבא בריה דרבה אלא מעתה דכתיב (שם ה) ואת אשר חטא מן הקדש ישלם הכי נמי דאשרי הוא וגבי ירבעם דכתיב (מ"א יד) אשר חטא ואשר החטיא את ישראל הכי נמי דאשרי הדור הוא שאני הכא דשני קרא בדיבוריה:

ד דרש רב נחמן בר רב חסדא מ"ד (קהלת ח) יש הבל אשר נעשה על הארץ אשר יש צדיקים אשר מגיע אליהם כמעשה הרשעים וגו' אשרי צדיקים שמגיע אליהם בעה"ז כמעשה הרשעים של עוה"ב אוי לרשעים שמגיע אליהם בעוה"ז כמעשה הצדיקים של עולם הבא. מתקיף לה רבא אטו צדיקי אי אכלי תרי עלמי כי סני להו אלא אמר רבא אשרי צדיקים שמגיע אליהם בעולם הזה כמעשה

**פירוש**

אשר. כמו אשרי: צריך אתה לומר בהדיוט. בתמיה כלומר שהמלך שאין לבו כפוף מביא ומגלה קרבן לשגגתו כ"ש שהדיוטות מביאין שלבן כפוף: צריך לומר על זדונו. בתמיה כלומר אם על שגגתו מביאים כ"ש שמביאים על זדונו והוזר בתשובה: שאני הכא דשני קרא בדבוריה. דבתחלה כתיב ואם כל עדת ישראל אם הכהן המשיח אם נפש: כאן כתיב אשר כתיב ודאי אשרי הדור משמע:

אשר יש צדיקים. איידי דדרש אשר נשיא יחטא לשון אשרי נקט נמי הא דרבא דרב נחמן דרש אשר יש צדיקים לשון אשריהם לצדיקים שמגיע אליהם כמעשה הרשעים שבעה"ב בעה"ז דמשמע שיש להם לרשעים רעה בעה"ב ולצדיקים בעה"ז: אוי. כמו וי דהכא לא כתיב אשר דמשמע אוי להם לרשעים שמגיע אליהם טובות בעה"ז כדרך שמגיע טובות לצדיקים בעה"ב דרעה היא לרשעים כדכתיב ומשלם לשונאיו אל פניו וגו': צדיקים אי אכלי תרי עלמי מי סני להו. מי שנאוי היא להם כלומר כלום רע להם לצדיקים שאוכלין שני עולמות שיש להם טובה בעה"ז ובעה"ב: אלא אמר

---

אגרויסקייט. דריבער האט איר נים געוואלט קוטען. איך וויל מאכען מאר קנעכט. וואָרום יעדער מלך אפילו איז אקנעכט ביי זיין מדינה. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק זיי האבען גירעט צו רחבעם אויב דו וועסט היינט זיין אקנעכט צו דעם פאלק:

ג תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערנט עס שטייט אין פסוק אשר נשיא יחטא. רבי יוחנן בן זכאי זאגט וואוהל צו דעם דור וואס דער נשיא ברענגט אקרבן אויף דיא עבירה וואס ער האט גיטאהן אומגערן. מאדאך דער נשיא ברענגט אקרבן אויף די עבירה וואס ער האט גיטאהן אומגערן. וועט דאך אפראסטער מענטש געוויס ברענגען אקרבן אויף זיינע עבירות וואס ער האט גיטאהן אומגערן. און מאדאך דער נשיא טוהט תשובה אויף זיינע עבירות וואס ער האט גיטאהן אומגערן. אויף דיא עבירות וואס ער האט גיטאהן גערן וועט ער געוויס תשובה טאהן. וואר ם רבי יוחנן טייטשט דעם ווארט אשר גלייך וויא עס וואלט גישטאנען אשרי וואוהל. האט רבא בריה דרבה גיפרעגט עס שטייט אין פסוק ואת אשר חטא מן הקודש ישלם. וועסט אויך זאגין אז דער אשר איז דער טייטש וואוהל און עס שטייט אין פסוק ביי ירבעם אשר חטא ואשר החטיא את ישראל וועסטו אויך טייטשין דיא צוויי מאהל אשר: וואוהל צוא דעם דור וואס ירבעם האט געזינדיגט און וואוהל צו דעם דור וואס ער האט גימאכט זינדיגען דיא יודין. ענפערט דיא גמרא דא איז אנדערש וייל דער פסוק האט גיענדערט דעם לשון. פריער שטייט ואם כל עדת ישראל. אם הכהן המשיח אם נפש. האט גידארפט שטיין אם נשיא יחטא. פאר וואס שטייט אשר נשיא יחטא. געוויס איז דער טייטש אשרי וואוהל צו דעם דור:

ד דרש. רב נחמן בר רב חסדא האט גידרשט עס שטייט אין פסוק עס איז דא אנארעשקייט וואס עס ווערט גיטאהן אויף דער וועלט אשר יש צדיקים. אשר מגיע אליהם כמעשה הרשעים. דער פסוק מיינט וואוהל צוא דיא צדיקים וואס זייא האבען אזוי שלעכט אויף דער וועלט. וויא שלעכט דיא רשעים האבען אויף יענער וועלט: ווארום ביי צדיקים איז דיא וועלט מיט אירע שלעכטקייט אנארעשקייט. און וויא צו דיא רשעים וואס זייא האבען אזוי גוט אויף דער וועלט. וויא גוט דיא צדיקים האבען אויף יענע וועלט. האט רבא גיפרעגט האט

כמעשה הטוב שהמקים עושה לרשעים בעה"ז ואוי להם לרשעים שמגיע אליהם בעה"ז כמעשה הרע המגיע לצדיקים בעה"ז. רב פפא ורב הונא בריה דרב יהושע אתו לקמיה דרבא אמר להו אוקמיתון מסכתא פלן ומסכתא פלן אמרו ליה אין א׳עתריתו פורתא אמרו ליה אין דזבנינן קטינא דארעא קרא עלייהו אשריהם צדיקים שמגיע אליהם כמעשה הרשעים שבעולם הזה בעה"ז. אמר רבה בר בר חנה א"ר יוחנן מ"ד (הושע יד) כי ישרים דרכי ה׳ וגו׳ משל למה הדבר דומה לשני בני אדם שצלו את פסחיהם וכו׳ [עי׳ נזיר דף כג כל המאמר]:

(דף יא ע"ב) ה תניא (ויקרא ח) ויקח משה את שמן המשחה וימשח את המשכן ואת כל אשר בו רבי יהודה אומר שמן המשחה שעשה משה במדבר כמה נסים נעשו בו מתחלתו ועד סופו תחלתו לא היו אלא י"ב לוגין ראה כמה יורה בולעת וכמה עיקרין בולעין וכמה האור שורף ובו נמשח המשכן וכל כליו ואהרן ובניו כל ז׳ ימי המלואים ובו נמשחו כהנים גדולים ומלכים ואפילו כהן גדול בן כהן גדול טעון משיחה:

ו אין מושחין מלך בן מלך ואם תאמר מפני מה נמשח שלמה מפני מחלוקתו של אדוניה ואת

רבה אשריהם הצדיקים שמגיע אליהם כמעשה הרשעים שבעה"ז כדכתיב ומשלם לשונאיו שיש להם טובות בעה"ז אוי להם לרשעים שמגיע אליהם בעה"ז כמעשה הצדיקים דמשמע שבאים עליהם צרות כמו שבאים על הצדיקים בעה"ז דהקב"ה מביא יסורים על הצדיקים בעה"ז כדי לזכות אותם בעה"ב כדי שיהא שכרן טוב ושלם לעה"ב והרשעים שבאים עליהם יסורים בעה"ז אוי להם שאין להם ממתם לא בעולם הזה ולא בעה"ב: אוקמיתון מסכת פלוני. כלומר יש לכם מסכת סדורה בפיכם מסכת פלוני ופלוני: איעתריתו פורתא. יש לכם עושר כדי שלא תהיו צריכין לעזות אחר מזונות ותוכלו לעסוק בתורה תדיר: אמרו ליה אין. משום דזבנינן כל חד וחד קטינא דארעא ומהדרין מינה ברווחא: קרי עלייהו אשריהם הצדיקים שמגיע אליהם וכו׳. משום דאכלי תרי עלמי:

אלא י"ב לוגין. דכתיב שמן זית הין והיינו י"ב לגין ונעשה בו נס שהספיק עד שנמשח מ

---

האט דען גאט פיינט די צדיקים זיא זאלין הנאה האבען פון ביידע וועלטין, פון עולם הזה אונ עולם הבא. האט רבא גזאגט אזוי מיינט מען וואוהל צוא די צדיקים וואס זייא האבען אזוי פיל גוטס אויף דער וועלט. ווייא די גוטס וואס די רשעים האבען אויף דער וועלט. אונ וויא צו די רשעים וואס זייא האבען אויף דער וועלט אזוי שלעכט. וויא די שלעכטס וואס עס קומט צוא די צדיקים אויף דער וועלט: רב פפא אונ רב הונא בריה דרב יהושע זענען גיקומען פאר רבא. האט רבא צו זייא גזאגט האט איר שוין אויס גילערנט די מסכת אונ די מסכת. האבען זייא גזאגט יא. זענט איר שוין אביסול רייכער גיווארין, האבען זייא גזאגט יא. יעדער פון אונז האט גיקויפט אשטיקול פעלד, אונ פון דעם איז אונזער פרנסה. האט רבא אויף זיי גזאגט וואוהל צו די צדיקים ווס זייא האבען אויף דער וועלט אזוי גוט וויא די רשעים האבען אויף דער וועלט. וועלין זיי האבען ביידע וועלטין:

ה תניא. מיר האבען גילערנט עס שטייט אין פסוק משה האט גענומען די שמן המשחה אונ האט געשמירט מיט די אייל דעם משכן אונ אלין וואס עס איז גיוועזן אין משכן. רבי יהודה זאגט דער שמן המשחה וואס משה האט גימאכט אין דער מדבר איז מיט איהם גיטאהן גיווארין פיל נסים פון אנהייב ביז צום סוף. אין אנהייב איז ניט מער גיוועזן בוימאייל נאר צוועלף קווארט: זעה נאר וויא פיל דער קעסיל האט איין גיזאפט. אונ וויא פיל די בשמים האבען איין גיזאפט. אונ וויא פיל האט דער פייער אויס געטריקנט. אונ מיט דעם בוימאייל האט מען געשמירט דעם משכן מיט זיינע אלע כלים. אונ מען האט געשמירט אויף אהרן מיט זיינע קינדער די אלע זיבען טעג פון מלואים. אונ מיט דעם בוימאייל האט מען גיזאלבט אלע כהנים גדולים וואס זענען גיוועזן פון משה רבינו ביז דעם מלך יאשיהו. אונ מלכים (שאול אונ דוד) אונ עס איז נאך געבליבען בוימאייל: וואס דער מלך יאשיהו האט בעהאלטען, אונ אפילו אכהן גדול וואס איז גיוועזן אזוהן פון אכהן גדול האט מען אויך גידארפט זאלבין פון די בוימאייל:

ו אין. אמלך וואס ער איז אזוהן פון אמלך. דארף מען איהם ניט זאלבין: ועסטו פרעגין

משמן וכל כליו: ומן משמן משמש גדולים. מימות משה רבינו ועד יאשיה שגנזו דאי לאו הכי לא מקרי כהן גדול דכתיב והכהן הגדול, מאחיו אשר יוצק על ראשו שמן: ומלכים. שעמדו ראשון כגון שאול ודוד:

מפני מחלוקתו. דהיכא דאיכא מחלוקת בעי משיחה: ממלכתו הוא ובניו בקרב ישראל. משמע ירושה היא להם כאלדם שמורים ירושה לבניו: טעון משיחה. ואי לא משוח בשמן לא הוה כ"ג: דמלך ראשון הוא. ממשפחתו דאינו מלך בן מלך הוא. דמלכי בית דוד טעון משיחה: ואין אחר. דאינו ממלכות בית דוד טעון משיחה: ומשום מחלוקתו של יורם נמעול בשמן המשחה. דאמריך

ואת יהואש מפני עתליה ואת יהואחז מפני יהויקים אחיו שהיה גדול ממנו שתי שנים. ואותו שמן קיים לעתיד לבא שנאמר (שמות ל) שמן משחת קדש יהיה זה לי לדורותיכם זה בגימטריא תריסר לוגי הוו. אמר מר אין מושחין מלך בן מלך מנ"ל א"ר אחא בר יעקב דאמר קרא (דברים יז) למען יאריך ימים על ממלכתו הוא ובניו בקרב ישראל ירושה היא לכם ואפילו כהן גדול בן כהן גדול טעון משיחה דכתיב (ויקרא ו) והכהן המשיח תחתיו מבניו לימא קרא והכהן תחתיו מבניו מאי המשיח קמ"ל דבניו נמי אי הוי משיח הוי כהן גדול ואי לא לא הוי כהן גדול. תנא אף יהוא בן נמשי לא נמשח אלא מפני מחלוקתו של יורם בן אחאב ותיפוק ליה דמלך ראשון הוא חסורי מחסרא והכי קתני מלכי בית דוד משוחין מלכי בית ישראל אין משוחין מנ"ל דאמר קרא (ש"א טז) קום משחהו כי זה הוא זה טעון משיחה ואין אחר טעון משיחה. אמר מר אף יהוא לא נמשח אלא מפני מחלוקתו של יורם ומשום מחלוקתו של יורם נמעול בשמן המשחה כדאמר רב פפא באפרסמונא

---

פרעגן פאר וואס האט מען גיזאלבט דעם מלך שלמה: ווייל אדוניה האט געקריגט אויף זיין מלוכה. פאר וואס האט מען גיזאלבט דעם מלך יהואש. ווייל עתליה האט געקריגט. פאר וואס האט מען גיזאלבט דעם מלך יהואחז. ווייל זיין ברודער יהויקים איז געווען עלטער פאר איהם מיט צוויא יאהר. ער זאל ניט קריגען אויף דיא מלוכה. אונ דער בוימאייל וועט בלייבען ביז משיח וועט קומען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא היילגע בוימאייל פון זאלבונג יהיה זה לי לדורותיכם. וועט זיין צו מיר אויף אלע דורות. זה בטרעפט צוועלף. עס וועט בלייבען צוועלף קווארט בוימאייל אזוי וויא עס איז געווען אין אנהייב. אונ עס איז גאר ניט גיפעלט גיווארען פון דיא בוימאייל דורך דיא אלע זאלבונג. זאגט דיא גמרא פריער שטייט אז א מלך וואס איז א זוהן פון א מלך דארף מען איהם ניט זאלבין. פון וואנען ווייסען מיר דאס. האט רב אחא בר יעקב גזאגט עס שטייט אין פסוק דער מלך זאל דער לייגערין טעג אויף זיין קעניגרייך ער אונ זיינע זיהן צווישען דיא יודען. איז דיא קעניגרייך א ירושה. אונ פון וואנען ווייסען מיר אז א כהן גדול אפילו ער איז א זוהן פון א כהן גדול דארף מען איהם זאלבין. ווארום עס שטייט אין פסוק והכהן המשיח תחתיו מבניו. זאל שטיין אין פסוק והכהן תחתיו מבניו. צו וואס שטייט דער ווארט המשיח. צו לערנען אונז אפילו דער זוהן פון א כהן גדול ווערט א כהן גדול: אויב ער איז גיזאלבט ווערט ער א כהן גדול. אונ אויב ער איז ניט גיזאלבט ווערט ער ניט קיין כהן גדול. מיר האבען גילערנט יהוא בן נמשי איז אויך נאר גיזאלבט גיווארין ווייל יורם בן אחאב האט אויף איהם געקריגט. פרעגט דיא גמרא אן דיא קריג האט מען דאך אויך גידארפט זאלבין דעם יהוא בן נמשי. ווייל ער איז ניט גיוועז דער זוהן פון א מלך נאר ער איז גיוועזן דער ערשטער מלך פון זיין משפחה. ענפערט דיא גמרא עס פעלט אין דער ברייתא אונ אזוי דארף מען לערנען. דיא מלכים וואס זענען פון דודס משפחה ווערין גיזאלבט. אונ דיא מלכים וואס זענען ניט פון דודס משפחה ווערין ניט גיזאלבט. פון וואנען ווייסען מיר דאס. ווארום עס שטייט אין פסוק קום משחהו כי זה הוא. גאט האט גזאגט צוא שמואל הנביא שטיי אויף אונ זאלב איהם ווארום דאס איז ער. דער דוד: איהם זאלסטו זאלבין. אבער איין אנדער מלך וואס איז נישט פון דודס משפחה זאלסטו ניט זאלבין. פרעגט דיא גמרא דוא זאגסט אז יהוא איז נאר גיזאלבט גיווארין ווייל יורם בן אחאב האט אויף איהם געקריגט. דורך דיא קריג פון יורם זאל מען ניצען מיט דיא היילגע אייל וואו מען טאר ניט ניצען. ענפערט דיא גמרא מען הט גיטאהן

באפרסמונא דכיא הכא נמי באפרסמונא דכיא . ואת יהואחז מפני יהויקים אחיו שהיה גדול ממנו שתי שנים ומי קשיש מיניה והכתיב (דה"א ג) ובני יאשיה הבכור יוחנן והשני יהויקים והשלישי צדקיה והרביעי שלום וא"ר יוחנן הוא יהואחז הוא יוחנן הוא שלום הוא צדקיה אלמא יהואחז קשיש אלא לעולם יהויקים קשיש ומאי בכור בכור למלכות ומי מלכי זוטרי קמי רברבי והכתיב (דה"ב כא) והממלכה נתן ליהורם כי הוא הבכור יהורם ממלא מקום אבותיו הוה יהויקים לאו ממלא מקום אבותיו הוה אמר מר הוא שלום הוא צדקיה כו' והא חד חד חשיב להו דכתיב השלישי והרביעי מאי שלישי שלישי לבנים ומאי רביעי רביעי למלכות דמעיקרא מלך יהואחז והדר יהויקים והדר יהויכין ולבסוף צדקיה תנו רבנן הוא שלום הוא צדקיה למה נקרא שמו שלום שהיה מושלם במעשיו ד"א ששלמה מלכות בית דוד בחייו ומה שמו מתניה שמו דכתיב (מ"ב כד) וימלך מלך בבל את מתניה דודו תחתיו ויסב את שמו צדקיה ואמר לו יה יצדיק עליך את הדין אם תמרוד

לעיל מלכי ישראל אין מושחין אותם : באפרסמון דכיא . ולא בשמן המשחה : ומאי בכור . דקרי ליה הבכור יוחנן : בכור למלכות . במלך ראשון : יהורם ממלא מקום אבותיו היה . מקודם ולבסוף כאחיו : מושלם במעשיו . דלדיק גמור היה בכל מעשיו : ואמר לו . נבוכדנאצר יה ידיק עליך את הדין אם תמרוד בי :

---

גיטאהן אזוי וויא רב פפא האט גזאגט . מען האט ניט גיזאלבט מיט דיא הייליגע אייל פון משה : נאר מען הט גענומען פראסטע שמעקעדיגע בוימאייל אונ מען האט מיט דעם גיזאלבט דעם יהוא בן נמשי . פריער איז גישטאנען מען האט גיזאלבט דעם מלך יהואחז ווייל זיין ברודער יהויקים איז גיוועזן עלטער פאר איהם מיט צוויי יאהר . איז דען יהויקים גיוועזן עלטער פאר יהואחז ; עס שטייט דאך אין פסוק דיא קינדער פון יאשיה איז גיוועזן דער ערשטער יוחנן דער אנדערער יהויקים דער דריטער צדקיה דער פערטער שלום . אונ רבי יוחנן האט גזאגט אז יהואחז אונ יוחנן אונ שלום אונ צדקיה דאס איז איין מענטש וואס ער האט גיהייסען דיא פיר נעמען . אונ יוחנן איז גיוועזן דער בכור . איז דאך יהואחז גיוועזן עלטער פאר יהויקים . ענטפערט דיא גמרא יהויקים איז טאקי גיוועזן עלטער . נאר וואס דען שטייט יוחנן איז גיוועזן דער ערשטער . ער איז גיוועזן דער ערשטער צו דער מלוכה . פרעגט דיא גמרא האט מען דען גימאכט א מלך דעם יינגערין פאר דעם עלטערין . עס שטייט דאך אין פסוק דיא קעניגרייך הט ער גיגעבען צו יורם ווייל יורם איז גיוועזן דער בכור . ענטפערט דיא גמרא ווייל יורם איז גיוועזן פרום אזוי וויא זיין פאטער . דריבער האט דער פאטער איהם גיגעבען דיא מלוכה . אבער יהויקים איז ניט גיוועזן אזוי פרום וויא דער פאטער . דריבער האט דער פאטער איהם ניט גיגעבין דיא מלוכה . נאר ער האט זיא גיגעבין צו יהואחז זיין יינגערין זוהן . פריער זאגט רבי יוחנן אז יוחנן אונ יהואחז אונ שלום אונ צדקיהו איז איין מענטש . דער פסוק רעכונט דאך יעדער נאמען בזונדער . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער דריטער דער פערטער . ענטפערט דיא גמרא דער דריטער מיינט מען . דער דריטער צו דיא קינדער . אונ דער פערטער מיינט מען דער פערטער צו דער מלוכה . פריער איז גיוועזן א מלך יהואחז דער נאך יהויקים דער נאך יהויכין דער נאך צדקיהו . דיא רבנן האבען גילערנט שלום אונ צדקיהו איז איין מענטש . דער נאמען זיינער איז גיוועזן צדקיהו . נאר פאר וואס האט מען איהם גירופען שלום . ווייל ער איז גיוועזן גאנץ אין זיין פרומקייט . אנדערע טייטשין שלום אויסלאזין . ווייל ביי זיין לעבין האט זיך אויס גילאזין דיא מלוכה פון דוד'ס משפחה . אונ וויא איז גיוועזן זיין אמתר נאמען . מתניה : אזוי וויא עס שטייט אין פסוק נבוכדנצר דער מלך פון בבל האט גימאכט קעניגען זיין פאטער מתניה אויף זיין ארט . אונ ער האט גירופען זיין נאמען צדקיהו : אונ ער הט גזאגט צו איהם יצדיק עליך את הדין . גאט זאל אויף דיר גירעכט מאכען דעם משפט . דאס הייסט גאט זאל דיך שטראפין אויב דוא וועסט מיר זיין פאלש אונ וועסט מיך ניט דינען . אונ עס שטייט אין דעם פסוק מלך נבוכדנצר האט צדקיהו מורד גיוועזן . וואס נבוכדנצר האט איהם

בשווארין

תמרוד בי וכתיב (דה"ב לו) וגם במלך נבוכדנאצר מרד אשר השביעו באלהים :

(דף יב) ז ומי הוה שמן המשחה והתניא משנגנז הארון נגנז צנצנת המן וצלוחית של שמן המשחה וכו' ומי גנזו יאשיהו וכו' א"ר פפא באפרסמונא דכיא :

ה תנו רבנן כיצד מושחין המלכים כמין נזר ואת הכהנים כמין כי מאי כמין כי אמר רב מנשיא בר גדא כמין כף יוני. תני חדא בתחלה יוצקין שמן על ראשו ואח"כ נותנין שמן בין ריסי עיניו ותניא אחריתי בתחלה נותנין לו שמן בין ריסי עיניו ואח"כ יוצקין שמן על ראשו תנאי היא א"ר משיחה עדיפא וא"ד יציקה עדיפא :

ט תנו רבנן (תהלים קלג) כשמן הטוב על הראש יורד על הזקן זקן אהרן אמרו כמין שתי טיפי מרגליות היו תלויות בזקנו של אהרן אמר רב פפא תנא כשהוא מספר עולות ויושבות לו בעיקר זקנו ועל דבר זה היה משה דואג אמר שמא ח"ו מעלתי בשמן המשחה

מי הוה שמן המשחה. בימי יהואחז דקתני ויאשיהו משחו את יהואחז מפני יהויקים : באפרסמונא דכיא.

כמין כף יוני. שמתחיל למשוח באצבעו בין ריסי עיניו ומושך אצבעו על הראש והולך עד שמגיע לעורף כמין כף יוני :

כמין ב' טפי מרגליות של שמן תלויות בזקנו כשהוא מספר עם אחרים עולות ויושבות בעיקר זקנו כדי שלא יפלו :

אמר ח"ו מעלתי בשמן המשחה שנהגתי בשמן התלוי

---

באשווארין ביי זאט. פון דעסטוועגין האט צדקיהו ניט געהאלטען דיא שבועה :

ז ומי. פרעגט דיא גמרא דוא זאגסט פריער אז דער מלך יהואחז איז געזאלבט געווארין. אין דער צייט פון יהואחז איז דאך שוין ניט געוועזן דער שמן המשחה. ווארום מיר האבען געלערונט ווען דער ארון איז בעהאלטען געווארין איז בעהאלטען געווארין די גראז מיט מן אונ די פלעשייל מיט שמן המשחה. אונ דם האט יאשיהו בעהאלטען. אונ יאשיהו איז געוועזן פיל פריער ווי יהואחז. האט רב פפא גזאגט ניט מיט שמן המשחה האט מען אים געזאלבט. נאר מיט אנדערע ריינע שמעקעדיקע בוימאייל :

ח תנו רבנן. דיא רבנן האבען געלערונט דיא מלכים האט מען געזאלבט ווי א קרוין ומען האט געשמירט מיט דעם פינגער דיא בוימאייל ארום קאפף אונ דיא כהנים האט מען געזאלבט אזוי וויא אכי. וואס מיינט מען אזוי וויא אכי. האט רב מנשיא בר גדא גזאגט כי אין צוויי ווערטער כף יוני. אזוי וויא א גריכישע כף. מען האט אן געהויבען צוא שמירען מיט דם פינגער צווישן די ברעמען פון די אויגן אונ מען האט געצויגען דעם פינגער מיט די בוימאייל אויף דעם קאפף ביז צום נאקין. פרעגט די גמרא אין איין ברייתא האבען מיר געלערונט פריער האט מען געגאסען דיא בוימאייל אויף דעם קאפף. דער נאך האט מען געגעבין בוימאייל צווישען דיא ברעמען פון דיא אויגען. אונ אין דיא אנדערע ברייתא האבען מיר געלערונט פריער האט מען געגעבין בוימאייל צווישען דיא ברעמען פון דיא אויגען. דער נאך האט מען געגאסען דיא בוימאייל אויף דעם קאפף. ענטפערט דיא גמרא אין דעם קריגען תנאים. אנדערע זאגין דאס שמירען איז בעסער. דריבער זאל מען פריער שמירען צווישען די ברעמיין. אונ אנדערע זאגין דס גיסען איז בעסער. דריבער זאל מען פריער גיסען אויף דעם קאפף :

ט תנו רבנן. די רבנן האבען געלערונט עס שטייט אין פסוק אזוי ווי א גוטער בוימאייל אויף דעם קאפף וואס נידערט אויף דעם בארד דעם בארד פון אהרן. מען האט גזאגט צוויא טראפין בוימאייל אזוי וויא צוויא פערל זענען געהאנגען אויף דעם בארד פון אהרן. רב פפא זאגט מיר האבען געלערונט ווען אהרן האט געשמועסט מיט א מענטשין זענען די צוויי טראפין בוימאייל ארויף געגאנגען ביז צו דיא ווארצלען פון דיא האר. אונ אז אהרן איז אוועק געגאנגען פון דעם מענטש זענען דיא צוויא טראפין בוימאייל צוריק אראפ געגאנגען אונ האבען געהאנגען אויף די שפיצען פון דיא האר. אונ אויף דער זאך האט משה געזארגט אונ האט גזאגט מאמער

המשחה יצתה בת קול ואמרה כשמן הטוב וגו' כטל חרמון כה טל חרמון אין בו מעילה אף שמן שבזקן אהרן אין בו מעילה ועדיין אהרן דואג שמא הוא לא מעל אבל אני מעלתי יצתה בת קול ואמרה (תהלים קלג) הנה מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד מה משה לא מעל אף אתה לא מעלת:

י תנו רבנן אין מושחין את המלכים אלא על המעין כדי שתמשך מלכותן שנאמר (מ"א א) ויאמר המלך להם קחו עמכם את עבדי אדוניכם וגו' והורדתם אותו אל גיחון. א"ר אמי האי מאן דבעי למידע אי מסיק ליה שתא אי לא ליתלי שרגא בהדי עשרה יומי דבין ריש שתא ליומי דכפורי בביתא דלא נשיב זיקא בגויה אי משוך נהוריה לידע דמסיק ליה שתא. מאן דבעי למיעבד עסקא ובעי למידע אי מצלח אי לא לירבי תרנגולא אי שמין ושפיר לידע דמצלח עסקיה. האי מאן דמפיק לאורחא ובעי לידע אי הדר לביתו אי לא ניקום בביתא דחברא אי חזי בבואה דבבואה נידע דהדר

מקום כשלבשתיו: אני מעלתי. שמא מעלתי שמן על מקום שאינו ראוי למשיחה: והורדתם אותו אל גיחון אלמא בעינן משיחה על המעין. גיחון מעין קטן אצל ירושלים ולא זהו גיחון היוצא מעדן: ליתלי. ידליק: אי משך נהוריה. שדולק כל זמן השמן בתוכו: לירבי תרנגולא. על שמיה דההוא עסקא: אי שמין ושפיר. משמנת ומשבחת: בביתא דחשוכא. בית חשוך: ולאו מילתא היא. דזמנין דאע"ג דלית ליה בבואה דבבואה הדר אתי ואפילו הכי לא לעביד הכי דזימנין דכי חזי דלית ליה בבואה דבבואה חלשא דעתיה ומיתרע מזליה ולא הדר אתי משום דמיתרע מזליה

---

הם ושלום האב איך אן גערירט די בוימאייל וואס איז גיהאנגען אויף דיא בארד פון אהרן. תיכף האב איך איהם אן גימאהנט זיינע קליידער. איז ארויס גיגאנגען אקול פון הימעל אונ האט גזאגט דיא בוימאייל וואס איינגט אויף דיא בארד פון אהרן איז אזוי וויא דיא טהא פון חרמון. אזוי וויא מען מעג אן רירען דיא טהא פון חרמון אונ הנאה האבען פון זייא. אזוי מעג מען אן רירען דיא בוימאייל וואס אויף דיא בארד פון אהרן. אונ הנאה האבען פון זייא: הט אבער אהרן גיזארגט טאמער האט משה קיין הנאה ניט גיהאט פון דיא היילינגע בוימאייל. אבער איך האב הנאה גיהאט פון די היילינגע בוימאייל. איז ארויס גיגאנגען אקול פון הימעל אונ הט גזאגט זייא גוט אונ וויא זיס איז דאס זיצונג פון דיא ברידער וואס זיצען בעזאמען. אזוי וויא משה האט ניט הנאה גיהאט פון דיא היילינגע אייל. אזוי האסטו אהרן אויך ניט הנאה גיהאט פון די היילינגע אייל:

י תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערנט אז מען זאלבט א מלך זאלבט מען איהם ביי א קוואל וואסער. דאס איז א גוטער סימן דיא מלוכה זיינע זאל זיך ציהען אזוי ווי די וואסער ציהט זיך פון קוואל. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דער מלך דוד האט גיזאגט נעמט מיט אייך דיא קנעכט פון אייער הערר אונ פירט שלמה צום קוואל גיחון אונ דארט זאלט איהר איהם זאלבען פאר א מלך. רבי אמי זאגט דער מענטש וואס וויל וויסען אויב ער וועט אויס לעבען דעם יאהר אדער ניין. זאל ער אן צינדען א לאמפ אין דיא צעהן טעג וואס פון ראש השנה ביז יום כפור אין אזוי א שטוב וואס אינוועניג בלאזט ניט קיין ווינט. אויב דער פייער ברענט ליכטיג אונ דער בוימאייל אדער דער נאפט ציהט זיך נאך דעם קנויט ביז עס ברענט אויס אין גאנצין. זאל ער וויסען אז ער וועט אויס לעבען דעם יאהר. דער וואס וויל מאכען א נייעס גישעפט. אונ ער וויל וויסען אויב דר גישעפט וועט זיין גליקלאך אדער ניין. זאל ער ארעוועזן אהון אין שטוב. אויב די הון ווערט פעט אונ גיזונד זאל ער וויסען אז דער גישעפט וועט זיין גליקלאך. דער מענטש וואס היל פארען אין וועג אונ ער וויל וויסען אויב ער וועט קומען צוריק אהיים אדער ניין. זאל ער שטיין אין א פינסטערע שטוב אויב ער וועט זעהען צוויי שאטענס ואיינעם שטארק שווארץ אונ איינעם ניט שטארק שווארץ אונ איין שאטען קומט ארויס פון דעם אנדערין. זאל ער וויסען אז ער וועט קומען צוריק אהיים. זאגט דיא גמרא דאס איז ניט קיין סימן. עס קען א מאהל זיין אפילו ער זעהט ניט קיין צווייא שאטענס פון רעסטוועגין וועט ער אויך קומען אהיים. דריבער זאל א מענטש דיא סימנים ניט מאכען. ווארום טאמער וועט

דהדר לביתיה ולאו מלתא היא דלמא חלשא דעתיה ומיתרע מזליה. אמר אביי השתא דאמרת סימנא מלתא היא לעולם יהא רגיל איניש (למיחזי) [למיכל] ברישא דשתא קרא רוביא כרתי סילקי ותמרי. אמר להו רב משרשיא לבריה כי בעיתו מיעל ומיגמרי קמי דרבייכו גרסו מתני' ועלו קמי דרבייכו כי יתביתו קמיה חזיתו לפומיה דכתיב (ישעיה ל) והיו עיניך רואות את מוריך וכי גרסיתו גרסו על נהרא כי היכי דמשכן מיא משכן שמעתייכו. אקיקלא דמתא מחסיא תיבו ולא תיבו על אפדני דפומבדיתא. טב גילדנא סריא דמתא מחסיא למיכל מכותחא דרמי כיפי. (ש"א ב) רמה קרני בה' רמה קרני ולא רמה פכי דוד ושלמה שנמשחו בקרן נמשכה מלכותן שאול ויהוא שנמשחו בפך לא נמשכה מלכותן:

(שם ע"ב) **יא משנה** כל התדיר מחברו הוא קודם את חברו וכל המקודש כחברו

**פירוש**

דאי לא כמה עבד הכי לא כוס מיתרע מזליה דהדר אתי בלבך לא נעביד: קרא רוביא כרתי וסילקי ותמרי. דכלי גדלי לעגל טפי משאר. ירק. קרא דלעת. רוביא תלתן: גרסו מהגיהן. מעיקרא כי היכי דתיהוי מרגלא מילתא בפומייכו והוי ידעין למיאל לה: משכן שמעתייכו. דלא ליפסוק מפומייכו כמעין זה במובך והולך: במתא מחסיא. היו ת"ח רבים נקבצים וחכבות יפה היה להם אבל בפומבדיתא לא היה להם חכבות יפה כל כך ואמר להו מוטב לכם לדור באשפה דמתא מחסיא מלדור באפדני דפומבדיתא: טב גילדנא סריא. מוטב לאכול דג קטן מוסרח כדאמרינן בפ"ק דמ"ק כאי כוורא דסמיך למסרחי מעלי: מכותחא דרמי כיפי. אפילו מכותח מבובה והזק שמשבר את האבן כשנופכין ממנו על האבן אעפ"כ לא תאכל ממנו כדאמרינן בע"פ ג' דברים אמרו בכותח מטמטם את הלב וכו'. כיפי סלעים כדמתרגמינן סלע כיפא. אית דמפרשי מוטב לאכול גילדנא סריא שאין דמיהם יקרים מכותח שאוכלים אותו עשירים ושרים הדרים ברמי כיפי כלומר במגדלים וחומות גדולות לפי שדמיהם יקרים: כל התדיר מחברו. כגון התמידין ומוספין התמידין קודמין למוספין מוספי שבת קודם למוספי

---

דיעט דער סימן ניט גוט ארויס קומען וועט ער זיין דער שראקין: וועט שרעקט ווערין זיין מזל. אביי זאגט איצט אז דוא זאגסט אסימן איז אזאך. אייביג זאל אמענטש זיין געוואונט צו עסין אום ראש השנה דיא פיוף ערדיא פרוכטין קרא רוביא כרתי סילקא תמרי. וייל דיא פירות וואקסען געשווינט איז דאס אגוטער סימן. רב משרשיא האט געזאגט צוא זיינע זיהן אז איהר וועט וועלין אריין גיין לערנען פאר אייער רבי. זאלט איהר פריער חזרין דיא משנות וואס איר דארפט לערנען דער נאך זאלט איהר אריין גיין פאר אייער רבי. אונ אז איהר וועט זיצען פאר אייער רבי זאלט איהר איהם קוקין אין מויל. אונ איהר זאלט זעהן וויא דיא ווערטער גייען ארויס פון זיין מויל. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיינע אויגען זאלען זעהן דיין רבי. אונ אז איהר וועט לערנען זאלט איהר לערנען ביא אטייך. אזוי וויא דיא וואסער ציהט זיך פון קוואר אונ עס הערט קיין מאהל ניט אויף. אזוי זאל זיך ציהען אייערע דינים. אונ דיא תורה זאל פון אייך קיין מאהל ניט אויף הערין. איהר זאלט בעסער וואהנען אויף דיא מיסט פון דיא שטאט מחסיא. אונ איהר זאלט ניט וואהנען אין דיא שיינע הייזער פון די שטאט פומבדיתא. עס איז בעסער צו וואהנען אין דיא שטאט מחסיא אפילו מען האט ניט מער צו עסין נאר אפארשטונקענעם פישעל. איידער צו עסין כותח אונ וואהנען אין הויכע פאלאצין אין איין אנדער שטאט. וויל אין דיא שטאט מחסיא איז געוועזן פיל תלמידי חכמים מיט גוטע מדות. חנה האט געזאגט רמה קרני בה'. עס איז דער הויבען געווארען מיין הארין מיט גאט. עס איז דר הויבען מיין הארען. אונ עס איז ניט דער הויבען מיין קריגעל. דוד אונ שלמה וואס זיי זענען געזאלבט געווארען פון אהארען האט זיך געצויגען זייער מלוכה. שאול אונ יהוא וואס זיי זענען געזאלבט געווארען פון אקריגעל האט זיך זייער מלוכה ניט געצויגען. ווארום דיא זאך וואס עס קומט קליין אונ נידעריג דאס בלייבט. אונ די זאך וואס קומט מיט גרויסקייט דאס בלייבט ניט. דריבער דיא וואס זענען געזאלבט געווארען פון אהארין. פראסט אונ נידעריג. איז זייער מלוכה געבליבען אויף אלאנגע צייט. אונ דיא וואס זענען געזאלבט געווארען פון אקריגעל מיט גרויסקייט. זייער מלוכה איז ניט געוועזן אויף לאנג:

**יא משנה**. כל. די זאך וואס איז שטענדיגער פר די אנדערע זאך. איז די שטענדיגערע פריער וויא דיא ניט שטענדיגערע. למשל עס שטייט מקריב צו זיין דעם קרבן תמיד אונ

דעם

בחבו קודם את חברו פר המשיח ופר העדה עומדים
פר המשיח קודם לפר העדה בכל מעשין. (דף יג)
האיש קודם לאשה להחיות ולהשיב אבדה האשה
קודמת לאיש לכסותה ולהוציאה מבית השבי ובזמן
ששניהם עומדין על הקלקלה האיש קודם לאשה כהן
קודם ללוי ולוי קודם לישראל וישראל קודם לממזר
וממזר קודם לנתין נתין קודם לגר גר קודם לעבד
משוחרר אימתי בזמן שכולם שוין אבל אם הממזר
תלמיד חכם וכהן גדול עם הארץ ממזר ת"ח קודם
לכ"ג ע"ה:

יב ת"ר היה הוא ואביו ורבו בבית האסורים הוא
קודם לרבו ורבו לאביו ואמו קודמת לכולן
חכם קודם למלך ישראל חכם שמת אין לנו כיוצא בו
מלך שמת כל ישראל ראוין למלכות מלך קודם לכהן
גדול

ר"ה ומוספי ר"ח קודמין למוספי י"ט בל ר"ה וכו'. תדיר ושאינו תדיר תדיר קודם: וכל המקודש מחברו. דם חטאת קודם לדם העולה מפני שהוא מרצה: ובזמן ששניהם עומדים על הקלקלה. האיש למשכב זכור והאשה לזנות האיש קודם להצלה ואפילו היא אשה איש ואפילו היא נערה מאורסה דפגמיה דאיש נפיש מדאשה:

(הוא קודם לרבו לפדות את עצמו דהוי אחיך עמך כתיב חייך קודמין לחיי אחיך והכא"ח ככולהו. לגביה נפשיה עדיפא ליה דאי פריק נפשיה יכול למיעסק בתורה ובמצות ואי פריק לגביה יקאי איהו בבית האסורים מאי מהניא ליה זכותא דרביה: רבו קודם לאביו. שאביו הביאו לחיי העוה"ז ורבו הביאו לחיי העוה"ב): ואמו קודמת לכולן. דאית לה זילותא טפי: חכם קודם למלך: שאין כל ישראל ראויין לחכמה אבל מלך כל ישראל ראויין למלכות: מלך קודם לכ"ג שנאמר ויאמר להם המלך וגו'. מדקאמר ליה דוד לצדוק הכהן דהוא

דעם קרבן מוסף. זאל מען פריער מקריב זיין דעם קרבן תמיד וויל ער איז שטענדיג אלע טאג. דער נאך איז מען מקריב דעם קרבן מוסף. אדער עס איז שבת און ראש חודש. זאל מען פריער מקריב זיין דעם מוסף פון שבת דער נאך איז מען מקריב דעם מוסף פון ראש חודש. אזוי איז דער דין ביי אלע קרבנות. און דיא זאך וואס איז היילינגער איז דיא פריער ווי דיא זאך וואס איז ניט אזוי היילינג. אויב עס שטייען צוויא קרבנות מען זאל זיי מקריב זיין. איין קרבן פון כהן גדול. און איין קרבן פון דיא יודען. וואס אלע יודען האבען גיטאהן אעבירה זאל מען פריער מקריב זיין דעם קרבן פון כהן גדול: דער נאך וועט מען מקריב זיין דעם קרבן פון דיא יודען. אויב עס זענען גיקומען צום גבאי פון צדקה צוויי מענטשען מען זאל זיי געבין ברויט צום לעבין. אזכר און אנקבה: און עס איז ניט מער דא צום געבין נאר איינעם. ווען זאל מען געבין. דארף מען געבין פון צדקה דעם זכר. און אויב אזכר האט פארלארין איין זאך און אנקבה האט פארלארין איין זאך. זאל מען פריער זוכען דיא זאך וואס דער זכר האט פאר לארען: אבער אז אזכר און אנקבה זענען גיקומען צום גבאי פון צדקה בעטין ער זאל זיי געבין אויף צמלבוש. זאל דער גבאי פריער געבין צו דיא אשה. און אויב עס איז דא נאך געלט וועט ער געבין צום זכר אויך: און אויב אזכר און אנקבה זענען גיפאנגען גיווארען צווישען גוים. זאל מען פריער אויס לייזען די נקבה דער נאך דעם זכר. און אויב דיא גוים ווילען מיט ביידע מזנה זיין. זאל מען פריער אויס לייזען דעם זכר. אכהן איז פריער פאר אלוי. אלוי איז פריער פאר אישראל. אישראל איז פריער פאר אממזר. אממזר איז פריער פאר אנתין נתין זענען דיא גבעונים וואס שטייען אין ספר יהושע קאפיטל ט. אנתין איז פריער פאר אגר. אגר איז פריער פאר אעבד כנעני וואס מען האט איהם פרייא גימאכט. ווען זענען דיא מענטשען פריער איינער פאר דעם אנדערין. נאר אז אלע זענען גלייך. אבער אז דער ממזר איז אתלמיד חכם. און דער כהן גדול איז אעם הארץ. איז דער ממזר דער תלמיד חכם פריער פאר דעם כהן גדול דער אעם הארץ:

יב תנו רבנן. די רבנן האבען גילערנט אז אזהן און אפאטער און ארבי זענען גיזעצט אין אמסרא. דאס ערשטע זאל ער אויסלייזען זיך דער נאך דעם רבי דער נאך דעם פאטער. און אויב זיין מוטער זיצט אויך. זאל ער פריער אויס לייזען דיא מוטער. אחכם איז פאר אין יודישען מלך. ווארום אז אחכם שטארבט איז ניטא באלד צו געפינען אזוי אחכם ווי דער אין יודען. אבער אז איודישער מלך שטארבט קען איין אנדער יוד ווערין אמלך. ווארום אלע יודען
קענע

גדול שנאמר (מ"א א) ויאמר המלך להם קחו עמכם את עבדי אדוניכם כהן גדול קודם לנביא שנאמ' (שם) וימשחו אותו צדוק הכהן ונתן הנביא הקדים כהן לנביא ואומר (זכריה ג) שמע נא יהושע הכהן הגדול אתה ורעיך ט' שמא תאמר הדיוטות היו ת"ל (שם) כי אנשי מופת המה ואין מופת אלא נבואה שנאמר (דברים יג) ונתן אליך אות או מופת:

**יג כהן** קודם ללוי שנאמר (ד"ה א כג) ובני עמרם אהרן ומשה ויבדל אהרן להקדישו קדש הקדשים לוי קודם לישראל שנאמר (דברים י) בעת ההיא הבדיל ה' את שבט הלוי וגו' ישראל קודם לממזר שזה מיוחס וזה אינו מיוחס ממזר קודם לנתין זה בא מטפה כשרה וזה בא מטפה ופסולה נתין קודם לגר זה גדל עמנו בקדושה וזה לא גדל עמנו בקדושה גר קודם לעבד משוחרר זה היה בכלל ארור וזה לא היה בכלל ארור:

איכתי

כ"ג קחו עמכם מעבדי אדוניכם וע"כ לנסביה קאמר ש"מ דמלך אדוניו של כהן הוא: ואומר שמע נא יהושע הכהן הגדול. מאי ואומר וכ"ת דלמא שאני צדוק דהוה מכהן באורים ותומים וה"ל כהן ונביא ואמטו להכי עדיף מנביא כדכתיב ולפני אלעזר הכהן יעמוד ושאל לו במשפט האורים יהושע נביא היה ואפ"ה היה צריך לאלעזר אבל כ"ג שאינו מכהן באורים ותומים לא עדיף מנביא ת"ל שמע נא יהושע הכהן הגדול ויהושע הכהן הגדול בבית שני היה דהא בנבואת זכריה כתיב וזכריה בבית שני היה דכתיב בעזרא והתנבי חגי נביאה וזכריה בר עדוא נביאיא וכתיב בנבואת חגי בשנת שתים לדריוש המלך ויער ה' את רוח זרובבל בן שאלתיאל ואת רוח יהושע בן יהוצדק הכהן הגדול וגו' ויבאו ויעשו מלאכה וגו' ובבית שני לא הוו ביה אורים ותומים דכתיב בעזרא עד עמוד כהן לאורים ותומים ואפ"ה הקדים כ"ג לנביאים דכתיב אתה ורעיך: שמא תאמר הדיוטות היו ת"ל כי אנשי מופת המה ואין מופת אלא נבואה. כלומר אין נקראים אנשי מופת אלא אנשי נבואה שנעשה מופת על ידן שנאמר כי יקום בקרבך נביא וגו' ונתן אליך אות או מופת ודי היימא דלמא יהושע כ"ג נמי נביא היה דהא קא משתעי מלאך בהדיה דכתיב ויעד מלאך ה' ביהושע לאמר שמע נא יהושע וגו' לא ס"ד דהא זכריה הוא דקא חזי לה לנבואה מלאה ורחמנא הוא דאחוי ליה הכי במראה הנבואה להודיע גדולתו של יהושע בן יהוצדק הכ"ג תדע בריביה דענינא כתיב ויראני את יהושע הכהן הגדול עומד לפני מלאך ה' וכו': דכתיב ויבדל אהרן. אלמא כהן עדיף מלוי: בכלל ארור. כנען: לא מצא נח קללה לכנען גדולה מזו שיהא עבד לאחיו מכאן בכל עבד הכי הוא בכלל ארור:

---

קענען זיין מקרבים. צמלך איז פריער פאר אכהן גדול. ווארום עס שטייט אין פסוק דער מלך האט גיזאגט צו צדוק הכהן אונ צו דיא גבורים נעמט מיט אייך דיא קנעכט פון אייער העררן. דעם ווארט העדר האט דוד גימיינט אויף זיך. ער איז דער העדר פון דיא גבורים אונ פון צדוק אויך. אונ צדוק איז גיוועזן אכהן גדול. פון דעסטוועגן איז דוד גיוועזן דער העדר פון צדוק. זעהן מיר אז אמלך איז גרעסער וויא אכהן גדול. אכהן גדול איז פריער פאר אנביא. ווארום עס שטייט אין פסוק צדוק הכהן אונ נתן הנביא האבען גיזאלבט שלמה פאר אמלך. שטייט אין פסוק פריער צדוק דער נאך נתן. איז דאך צדוק גיוועזן גרעסער וויא נתן. נאך זאגט דער פסוק העד נאר יהושע כהן גדול דוא מיט דיינע חברים. טאמער וועסטו זאגען די חברים פון יהושע זענען גיוועזן פראסטע מענטשין. שטייט אין פסוק כי אנשי מופת המה. אונ מופת מיינט מען נבואה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער נביא וועט דיר געבין אאות אדער אמופת. האט מען גירעט צו יהושע פריער דער נאך צו זיינע חברים די נביאים. איז דאך אכהן גדול גרעסער וויא אנביא:

יג כהן. אכהן איז פריער פאר אלוי. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא קינדער פון עמרם זענען גיוועזן אהרן אונ משה אונ אהרן איז אפ גישיידט גיווארין מען זאל אים הייליגען קדש קדשים. איז דאך דער כהן דער הייליגסטער. אלוי איז פריער פאר אישראל. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אין דיא צייט האט גאט אפ גישיידט דעם שבט לוי. אישראל איז פריער פאר אממזר. ווארום דער ישראל קען זאגין ווער זיין יחוס איז. אונ דער ממזר וויים ניט ווער זיין יחוס איז. אממזר איז פריער פאר אנתין. ווארום דער ממזר איז דאך גיבארען פון אכשרין טראפין. פון איזר: אונ דער נתין איז גיבארען פון אפסולין טראפין. פון אגוי. אנתין איז פריער פאר אגר ווארום דער נתין האט זיך שוין גיאדעוועט פון קינדרווייז מיט יודען אין זייער הייליגקייט. אונ דער גר האט זיך נים גיאדעוועט מיט יודען פון קינדרווייז. נאר ווען ער איז שוין גרוים גיווארין האט ער זיך מגייר גיוועזן. אגר איז פריער פאר אעבד כנעני וואס מען האט איהם פריי גימאכט. ווארום יעדער גוישער קנעכט איז איז דיא קללה פון נח. וואס ער האט גזאגט פאר

פלוכט

**יד פיסקא** איבתי בזמן שכולם שוין וכו' כנא הני מילי א"ר אחא בר חנינא דאמר קרא (משלי ג) יקרה היא מפנינים יקרה היא מכהן גדול שנכנס לפני ולפנים. תניא רשב"י אומר בדין הוא שיקדים עבד משוחרר לגר שזה גדל עמנו בקדושה וזה לא גדל עמנו בקדושה (גר קודם לעבד מאי טעמא זה) אלא שזה היה בכלל ארור וזה לא היה בכלל ארור. שאלו תלמידיו את רבי אלעזר בן צדוק מפני מה הכל רצין לישא גיורת ואין רצין לישא משוחררת אמר להם שזו היתה בכלל ארור וזו לא היתה בכלל ארור ד"א זו היתה בחזקת שימור וזו לא היתה בחזקת שימור:

**טו שאלו** תלמידיו את רבי אלעזר (בן צדוק) מפני מה כלב מכיר את קונו וחתול אין מכיר את קונו אמר להם ומה האוכל ממה שהעכבר אוכל משכח (תלמודו) האוכל עכבר עצמו לא כ"ש.

שאלו

בחזקת שימור. נראה כיון דאגירא אינשי מינה במשרה דמפקרא נפשה לאינשי וכוס מופקרת משא"כ שפחה לא היתה בחזקת שימור דגם כוס ידעת דמתגרין בה דלאו בדידה קיימא להשתמרות ואינה משמרת עצמה והיכא נמי לגרושי שבגיורת מתשמרות עצמן ומתייראות להפקיר עצמן כדי שלא יצא עליהן שם רע כי מיגלא הוהם שם שאין כן בשפחה:

הרמב"ם ז"ל. כלב מכיר את קונו. כורא דכתיב ולכל בני ישראל לא יחרץ כלב לשונו ואת מי להכי כתיב לכלב תשליכון אותו ולא כתיב לחמור מפני שהכלב מכיר את קונו והחתול אין מכיר את קונו ונ"ל לפרש דהא עיקר דהאי קרא דקאמרינן לאו למון כורא הוא אלא לבן חכינו כדכתיב ידע שור קונהו ותשב על קונהו וכן דרך שהכלב מכיר את בעליו והולך אחריו לכל מקום שהוא הולך ומשמרו מכא"כ בחוץ. ע"כ פי' הרמב"ם ז"ל. מכאן ואילך פירב"י:

---

פרובט זאל זיין בעסער ער זאל זיין אקנעכט צוא זיינע ברידער. אונ דער גר איז דאך ניט גיפלוכט גיווארין:

**יד פיסקא.** איבתי. ווען זענען דיא מענטשין פריער איינער פאר דעם אנדערין. נאר אז אלע זענען גלייך. אבער אממזר אתלמיד חכם איז פריער פאר אכהן גדול אעם הארץ. פון וואנען ווייסען מיר דאס. האט רב אחא בר חנינא גיזאגט עס שטייט אין פסוק יקרה היא מפנינים. דיא תורה איז טייערער פאר דעם כהן גדול וואס ער גייט אריין אין לפני ולפנים. אין קדשי קדשים. מיר האבען גילערינט רבי שמעון בן יוחאי זאגט דער דין וואלט גיהערט זיין אז אקנעכט אבנעני וואס מען האט אים פרייא גימאכט זאל זיין פריער פר אגר. ווארום דער עבד כנעני איז גיארעוועט גיווארין פון קינדהייט אין דיא יודישע היילינקייט. אונ דער גר איז ניט גיארעוועט גיווארין פון קינדהייט אין דיא יודישע היילינקייט. ווארום ווען ער איז גרויס גיווארין האט ער זיך מגייר גיוועזן. נאר פאר וואס דען איז אגר פריער פאר אעבד כנעני וואס איז פריי גיווארען. ווייל דער עבד כנעני איז גיפלוכט גיווארען פון נח. אונ דער גר איז ניט גיפלוכט גיווארען. דיא תלמידים האבען גיפרעגט ביי רבי אלעזר בן צדוק פאר וואס ווילען אלע חתונה האבען מיט אאשה וואס האט זיך מגייר גיוועזן אונ קיינער וויל ניט חתונה האבען מיט אגוישע דינסט וואס איז פריי גיווארין. האט רבי אליעזר גיזאגט צו דיא תלמידים די דינסט איז גיפלוכט גיווארן פון נח. אונ דיא וואס האט זיך מגייר גיוועזן איז ניט גיפלוכט גיווארען. אנדערע זאגען אזוי האט רבי אלעזר גיענטפערט. דיא אשה וואס האט זיך מגייר גיוועזן מיט איר גוטען ווילען איז זיא געווים גיוועזן אערליכע אפילו ווען זיא איז נאך גיוועזן אגויה. ווארום אז זיא וואלט ניט גיוועזן ערלאך וואלט זיא זיך ניט מגייר גיוועזן. אבער דיא גוישע דינסט וואס דער בעל הבית האט איר פריי גימאכט אונ ער האט זיא גיברייננט זי זאל ווערין אידישע. פון וואנען ווייסען מיר אז זי איז אערליכע:

**טו שאלו.** דיא תלמידים האבען גיפרעגט ביי רבי אלעזר פאר וואס אהונט דער קענט זיין בעל הבית אונ וואו דער בעל הבית גייט לויפט דער הונט נאך איהם. אונ אקאץ דער קענט ניט זיין בעל הבית. האט רבי אלעזר גיענטפערט מאלאך דער וואס עסט די זאך וואס אמויז האט פון איר גינעסען. פאר געסט ער אלץ וואס ער טוהט. דיא קאץ וואס זיא עסט דיא מייז אליין איז זיא פאר געסט אלץ. דיא תלמידים האבען גיפרעגט בייא רבי

אלעזר

פני מה הכל מושלין בעכברים. כלומר מפני מה נתנה משנה יתירה לעכברים שגרדפין תדיר תדיר: אמר להם מפני שסורן רע. בילד להם רע הוא יותר מדאי. הוזו בר שלהם כדאמר לגבי שסורו רע דכיון יצר הרע שבר שלו רע הוא: מפני שסורו רע. כלומר מפני שסורן של עכברים רע לפיכך מושלים עליהם כמתולים: מאי היא. היכי הוי סורן רע: אפילו גלימי. דלאו בר מאכל ונים בהו הנאה. גייסי מחכין שופינא. כיתד של תרא דען הוא גייס: המניח כליו. מלבושיו: פת פחמין. פת שנאפית על גבי גחלים: שיורי העיסה. שנשתייר מליבה: משכח תלמוד של ע' שנה: שחוזר בפיו לפי שבעים שנה: מחזיר תלמודו של שבעים שנה. משכחה ממנו כבר שבעים שנה: וסימנך. לגרכה בלא הסעה שאם לא תדע אם אחד אומר אחד ולא שנים ואחד אומר שנים ולא שלשה או שמא אחד אומר שנים ולא שלשה ואחד אומר ג' ולא ד' יבא סימנך קמיצה כלומר כפוף הקמיצה ושהיירו מאותן ד' אצבעות בעומדים כסדרן לבד מהגידל שני אצבעות זקופין מצד אחד שהם אגבע ואמה ומצד זה של קמיצה לא נשתייר אלא זרת דכיון שני אצבעות מכאן ואחד מכאן וכן תהא זכור שאחד מהם אומר אחד ולא שנים ואחד אומר

שאלו תלמידיו את רבי אלעזר (בר צדוק) מפני מה הכל מושלין בעכבר אמר להם מפני שסורו רע מאי היא רבא אמר אפילו גלימי גייסי (ע"ג) רב פפא אמר אפילו שופינא דמרא גייסי. חמשה דברים משכחין את התלמוד האוכל ממה שאוכל עכבר וממה שאוכל ממנו חתול והאוכל לב בהמה והרגיל בזיתים והשותה מים של שיורי הרחיצה והרוחץ רגליו זה ע"ג זה וי"א אף המניח כליו תחת מראשותיו. ה' דברים יפים לתלמוד האוכל פת פחמין ואין צריך לומר פחמין עצמן והאוכל ביצה מגולגלת בלא מלח והרגיל ביין ובבשמים והרגיל בשמן זית והשותה מים של שיורי עיסה וי"א אף המטבל אצבעותיו במלח ואוכל והרגיל ביין ובבשמים דאמר רבא חמרא וריחני פקחין הרגיל בשמן זית דא"ר יוחנן כשם שהזית משכח תלמוד של שבעים שנה כך שמן זית מחזיר תלמוד של שבעים שנה המטבל אצבעותיו במלח אמר ריש לקיש באחד כתנאי רבי יהודה אומר אחד ולא שנים רבי יוסי אומר שנים ולא שלשה וסימנך

קמיצה

---

אלעזר פאר וואס גיוועלטיגען אלע אויף דיא מייז. אלע האבען פיינט דיא מייז. האט רבי אלעזר געזאגט ווייל זייא זענען זייער שלעכט. וואס איז זייער שלעכטקייט. רבא זאגט אפילו קליידער בייסען זייא. רב פפא זאגט אפילו דעם שטעקין וואס דיצט אין לאך פון אריידעל בייסען זייא אויך. וואס זייא האבען פון דעם קיין הנאה ניט. פון דעסטוועגין מאכען זייא שאדין ווייל זייא זענען שלעכט. פינף זאכען מאכען פאר געסען ביי אמענטשין דאס לערנען. אז ער עסט פון דיא זאך וואס אמויז האט גיגעסען. אדער ער עסט פון דיא זאך וואס אקאץ האט גיגעסען. אדער ער עסט דאס הארץ מן אבהמה. אדער ער עסט פיל איילבירטען. אדער ער טרינקט דיא וואסער וואס עס איז געבליבען פון וואשען. אדער ער וואשט מיט איין פוס די אנדערע פוס. אנדערע זאגין אז ער לייגט זיינע קליידער צו קאפין ווען ער שלאפט. פאר געסט ער אויך זיין לערנען. פינף זאכען זענען גוט פאר דעם וואס לערנט. אז מען עסט ברויט וואס איז גיבאקט אויף קוילען. אונ אז מען עסט די קוילען אליין איז געווים גוט. אונ אז מען עסט אניבראטענע איי אן זאלץ. אונ דער וואס איז גיוואוהנט צו טרינקען וויין. אונ דער וואס איז גיוואוהנט צו שמעקן בשמים. אונ דער וואס איז גיוואוהנט צו עסין בוימאייל. אונ דער וואס טרינקט די וואסער וואס בלייבט פון דעם טייג פאר קנעטין. אונ אנדערע זאגען דער וואס טונקט איין זיינע פינגער אין זאלץ אונ ער עסט דיא זאלץ. אונ דער וואס איז גיוואוהנט צו טרינקען וויין אונ שמעקין וויין. ווארום רבא האט גזאגט וויין טרינקען אונ בשמים שמעקין דאס האט מיך קלוג געמאכט. דער וואס איז גיוואוהנט צו עסין בוימאייל. ווארום רבי יוחנן האט גזאגט אזוי ווי אז מען עסט איילבירטען פאר געסט מען דאס לערנען וואס מען האט שוין זיבעציג יאהר געלערנט. אזוי אז מען עסט בוימאייל דער מאנט מען זיך דאס לערנען וואס מען האט שוין זיבעציג יאהר ניט גילערנט. אז מען טונקט איין דיא פינגער אין זאלץ. ריש לקיש זאגט נאר איין פינגער זאל מען איינטונקען. זאגט דיא גמרא אין דעם קריגען תנאים רבי יהודה זאגט נאר איין פינגער זאל מען איינטונקען. ניט צוויי. רבי יוסי זאגט צווייא פינגער זאל מען איינטונקען נאר ניט דריי. אונ דער סימן איז מען זאל ניט אטעות האבען. דער פינגער וואס הייסט קמיצה. אז מען זאל איין בייגען דעם פינגער וואס הייסט קמיצה. בלייבען צוויי פינגער

פוי

קמיצה. עשרה דברים קשים לתלמוד העובר תחת אפסר גמל וכל שכן תחת גמל עצמו והעובר בין שני גמלים והעובר בין שתי נשים ואשה העוברת בין שני אנשים והעובר תחת ריח רע של נבלה והעובר תחת הגשר שלא עברו תחתיו מים ארבעים יום והאוכל פת שלא בשל כל צרכו והאוכל בשר מזוהמא לספרין והשותה מאמת המים העוברת בבית הקברות והמסתכל בפני המת וי"א אף הקורא כתב שעל גבי הקבר:

**טז** ת"ר כשהנשיא נכנס כל העם עומדים לפניו ואינם יושבים עד שיאמר שבו כשאב"ד נכנס עושין לו ב' שורות אחד מכאן ואחד מכאן ואין יושבים עד שישב במקומו כשחכם נכנס אחד עומד ואחד יושב עד שישב במקומו בני ת"ח ות"ח בזמן שרבים צריכים להם מפסיעין על ראשי העם (אע"פ שגנאי הוא לת"ח שיכנס באחרונה) יצא לצורך נכנס ויושב במקומו. בני ת"ח שכמונין אביהם פרנסים על הצבור בזמן

שניה ולא בלב. הגודל לא קא חשיב דכא פס שאר הנכנות משום דלא קאי בסדר האצבעות: הגודל פת פהמין וכל שכן פהמין עצמן. כתדא המיב להו: קשה להלמיד. השוהה אותן יכא קשה לשמוע: העובר תחת אפסר גמל וכל שכן תחת גמל עצמו. כהדא השיבא להו: העובר תחת ריח רע של נבלה. כלומר כמהלך ומריח ריח נבלה דכל המהלך ומריח הוי עובר תחת אותו הריח שהריח הולך ועולה: זוהמא לספרין. אותו כף שנוהגין את הקדרה קרי ליה זוהמא ליסטרון על שם שמעבירה הזוהמא לצדדין. על גבי קבר תרגום על הרין סטרוהי:

כל העם עומדים. כל השורה כלה אפילו הם מלאה: עושין לו שתי שורות. כלנד: עושין אותם

---

פון דער זייט (אויס דעם גראבען פינגער) אונ איין פינגער דער קליינער בלייבט פון די אנדערע זייט. דאס איז א סימן אז איין תנא זאגט צוויא פינגער זאל מען איין טונקען אונ איינער זאגט איין פינגער זאל מען איינטונקען (דער גראבער פינגער הייסט גודל. דער אנדערער אצבע. דער דריטער אמה. דער פערטער קמיצה. דער פינפטער זרת). צעהן זאכען זענען שלעכט פאר דעם וואס לערנט. אז ער טוהט איינע פון די צעהן זאכען וועט ער שווער פאר שטיין זיין לערנען: אז מען פירט א קעמיל מיט א שטריק אונ ער גייט אונטער דעם שטריק. אונ אז ער גייט אונטער דעם קעמיל שאדט געוויס. אונ אז ער גייט צווישען צוויא קעמלען. אונ אז ער גייט צווישען צוויי ווייבער. אדער א אשה גייט צווישען צוויי זכרים. אונ אז ער גייט נעבין א נבלה אונ שמעקט דעם שלעכטין ריח פון די נבלה. אונ אז ער גייט אונטער א בריק וואס אונטער דער בריק איז שוין פערציג טעג ניט גינאנגען וואסער. אונ אז ער עסט ברויט וואס איז ניט גוט אויס גיבאקט. אונ אז מען נעמט ארויס מיט דעם קאכע לעפיל א שטיקיל פלייש פון טאפ אונ ער עסט דיא פלייש פון דעם קאכע לעפיל. אונ אז ער טרינקט וואסער פון דעם קוואל וואס איז אויף דעם בית הקברות. אונ אז ער קוקט אויף דעם פנים פון א מת. אנדערע זאגען אז ער לייענט דאס געשריפט וואס אויף א מצבה וואס שטייט אויף דעם בית הקברות:

**טז** תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערנט ווען דער נשיא גייט אריין צווישען א פאר זאמלונג מענטשין. דאס גאנצע פאלק וואס זענען דארטין מוזין זיך אויף שטעלין פאר איהם. אונ זייא טארין זיך ניט זעצין ביז דער נשיא זאגט צו זייא זיצט. אז דער גרעסטער פון דעם בית דין גייט אריין צווישען א פאר זאמלונג מענטשין. דארפין זיך נאר אויף שטעלין דיא מענטשין וואס זיצען אויף דיא ערשטע באנק פון דער רעכטער זייט. אונ דיא מענטשין וואס זיצען אויף דיא ערשטע באנק אין דער לינקע זייט. אונ ער גייט דורך צווישען דיא צווייא פראנדען מענטשין. אונ זייא טארין ניט זיצען ביז ער קומט אויף זיין ארט אונ זעצט זיך. אונ אז א חכם (אלמדן) קומט אריין דיא וואס זענען פון פארנט שטעלין זיך אויף אונ וויא ער גייט נאר אריבער זעצט מען זיך. קומט אויס איינער שטייט אונ איינער זיצט. ביז דער למדן קומט אויף זיין ארט אונ זעצט זיך אויך. דער נאך זיצען שוין אלע. אונ אז דיא קינדער פון א תלמיד חכם. אדער א תלמיד פון א חכם גייט אריין צווישען א פאר זאמלונג מענטשין. ווען פיל מענטשין דארפין צו זייא זאלין זייא גיין צווישען דיא מענטשין ואונ אז דיא מענטשין זיצען אויף

ער

בזמן שיש בהם דעת לשמוע נכנסין ויושבים בפני אביהם ואחוריהם כלפי העם אין בהם דעת לשמוע נכנסין ויושבים לפני אביהם ופניהם כלפי העם רבי אלעזר בר צדוק אומר אף בבית המשתה עושין אותם סניפין . אמר מר יצא לצורך נכנס ויושב במקומו אמר רב פפא לא אמרן אלא לקטנים אבל לגדולים לא הוה ליה למיבדק נפשיה מעיקרא דאמר רב יהודה אמר רב לעולם ילמד אדם עצמו להשכים ולהעריב לעשות צרכיו כדי שלא יתרחק והאידנא דחלשא עלמא אפי' גדולים נמי רבי אלעזר בר צדוק אומר אף בבתי המשתאות עושין אותן סניפין אמר רבא בחיי אביהם ובפני אביהם מפני כבוד אביהם :

לפני חכמים בזמנין שאביהם פרנסים על הצבור : סניפין . כשמושבין אותן כנגד הזקנים : תנא לקטנים . דהגון הוא : אבל יצא לגדולים . אינו נכנס ויושב במקומו דפשטא הוא דהו"ל למיבדק נפשיה : כדי שלא יתרחק . דצריך לפנות ביום צריך שיתרחק מן הדרך כדי שלא יראו ההולכים והשבים : מפני כבוד אביהם . שזה דהויין סניפין לזקנים כסניף זה שעושין לקורה גדולה :

משנת מבנה . זו שמתניתין דלעיל קתני דקתני כשהנשיא נכנס וכו' וקאמר מבוי' חילוק בין נשיא לאב בית דין והכא : כרשב"ג היה . נשיא לבני מאיר היה חכם ור' נתן אב בית דין וכו' . ור"ע שהנשיא הוא היה בעל הדרשה ומלמד תורה ברבים כדאמרינן בפ"ק אלו בני בניו של הלל שמלמדים תורה ברבים וכדאמרינן נמי התם סוף דליש ר"ג.

**יז** א"ר יוחנן בימי רבן שמעון בן גמליאל נשנית משנה זו רבן שמעון בן גמליאל נשיא רבי מאיר

---

דער ערד אונ איינער גייט צווישען זייא זאגט אויס וויא ער גייט אויף זייערע קעפ) . אונ דיא מענטשין דארפין זיך ניט אויף שטעלין . אונ אז ער דארף ארויס גיין גייט ער צוריק אריין אונ זעצט זיך אויף זיין ארט . דיא קינדער פון דיא תלמידי חכמים וואס זייערע פאטערס זענען דיא פירערס פון שטאט . אז זייא האבען שוין שכל צוא פאר שטיין דיא דרשה וואס דער פאטער דרשת גייען זייא אריין אונ זיצען געגין זייער פאטער . אונ מיט דיא פלייצעס זיצען זייא געגין פאלק . אבער אז זייא האבען ניט קיין שכל צוא פאר שטיין דעם פאטערס דרשה גייען זייא אריין מיט דיא פלייצעס געגין פאטער אונ מיט דעם פנים געגין פאלק . רבי אלעזר בר צדוק זאגט אז דיא תלמידי חכמים זענען אויף אסעודה אונ זייא האבען מיט גיבריינגט זייערע קינדער . זעצט מען זייערע קינדער נעבין דיא אלטע ליים . פריער האט מען גיזאגט אז ער דארף ארויס גיין גייט ער צוריק אריין אונ זעצט זיך אויף זיין ארט . רב פפא זאגט דאס איז נאר אז ער איז ארויס גיגאנגען משתין זיין . וויל מען קען ניט איין מאהל משתין זיין עס זאל זיין גענוג אויף צוויי דריי שעה . דריבער האט ער גימוזט ארויס גיין . אבער אז ער איז ארויס גיגאנגען צו צואה טאר ער ניט אריין גיין צוריק אונ זיצען אויף זיין ארט . ווארום איידער ער איז דעם ערשטע מאהל געקומען צו דיא פאר זאמלונג האט ער גידארפט רייניגען דעם בויך ער זאל ניט דארפין אין מיטען ארויס גיין אונ מטריח זיין דאס פאלק . ווארום רב יהודה האט גזאגט פון רבס וועגין איביג זאל אמענטש זיין גיוואוהנט רייניגען דעם בויך אין דער פריא ווען ער שטעהט אויף פון שלאף אונ אויף דער נאכט איידער ער גייט שלאפען . ווארום אז ער וועט דארפען גיין ארויס אין מיטען טאג וועט ער מוזין גיין וויט פון שטאט . מענטשין זאלען איהם ניט זעהן ווארום ביי זיי איז אין שטאט ניט גיווען קיין בית הכסאו . אונ דער טענטש אז ער גייט ארויס אין מיטען טאג איז אסימן אז ער האט זיך ניט גירייניגט אין דער פריא . האט ער ניט גיטאהן וויא מען דארף . דריבער זאל ער ניט אריין גיין צוריק . זאגט דיא גמרא אבער היינט אז דיא מענטשין זענען שוואך . אונ אלע צוויי דריי שעה מוז אמענטש ארויס גיין . אפילו ער איז ארויס גיגאנגען צו צואה . מעג ער אויך אריין גיין צוריק אונ זיך זעצין אויף זיין ארט . רבי אלעזר בר צדוק זאגט אז די קינדער פון די תלמידי חכמים קומען אויף אסעודה זעצט מען זיי אויך נעבין די אלטע ליים . רבא זאגט דס איז נאר אז זייער פאטער דער תלמיד ח.כם לעבט . אונ ער איז אויך דא אויף דער סעודה . פון וועגין זייער פאטערס כבוד זעצט מען די קינדער נעבין די אלטע ליים :

**יז** אמר . רבי יוחנן זאגט אין דיא צייט פון רבן שמעון בן גמליאל איז גילערונט גיווארען דיא

מאיר חכם ר' נתן אב בית דין כי הוה עייל רבן שמעון בן גמליאל הוו קיימי כולי עלמא מקמיה כי הוו עיילי רבי מאיר ור' נתן הוו קיימי כולי עלמא מקמייהו א"ר שמעון בן גמליאל בעינא דליהוי היכרא בין דילי לדילהום תקין הא מתניתין ההוא יומא לא הוו ר"מ ור' נתן התם למחר כי אתו חזו דלא קמו מקמייהו כדרשב"ג אמרו מאי האי אמרו להו הכי תקון רשב"ג א"ל ר"מ לר' נתן אנא חכם ואת אב"ד נתקין מלתא (כל דלין א"ל ר' נתן) כלדידן מאי נעביד ליה נימא ליה גלי עוקצין דלא גמיר וכי לא ידע נימא ליה (סהכיס קו) מי ימלל גבורות ה' ישמיע כל תהלתו למי נאה למלל גבורות ה' למי שיכול להשמיע כל תהלותיו ונעבריה והוי את נשיא ואנא אב"ד שמעינהו רבי יעקב בן קורשאי אמר דלמא ח"ו אתא לידי כסופא אזיל ויתיב אחורי עיליתיה דרשב"ג גרס ותנא גרס ותנא אמר מאי האי דלמא חס ושלום איכא מידי בי מדרשא יהיב דעתיה

חכי שני וכו' ר' אלעזר בן עזריה חד שנה ואב"ד אלא כגדול שבדיינין שהדינים נפסקים על פיו כדקתני בסנהדרין גדול שבדיינים אומר איש פלוני אתה זכאי איש פלוני אתה חייב ואמטו להכי איקרי אב ב"ד. חכם הוא הגדול שבחכמים שנושאים ונותנים עמו בהלכה ויודע טעמי תורה ויושב לשמאלו של נשיא: נתקין מלתא כל דלין. כלומר נועץ עצה ונתקן דבר כנגד זאת ויש גורסין מלתא כי ליהוי נועץ עצה בעוד שאינו מלוי ב מהיגו ויש גורסין נתקן מלהא דליתני לן כלומר נאמר לו שילמדנו דבר שאינו יודע ללמוד ובייבנו נימא ליה תני לן במסכת עוקצין והוא מסכת שאינו יודעה ואינה בידו וכיון שיתגלה הדבר שאינו יודעה נימא ליה מי ימלל גבורות ה' למי נאה למלל גבורות ה' למי שיכול להשמיע כל תהלתו והואיל ואיך יכול להשמיע כל תהלתו איך ראוי למלל גבורותיו ונהיות נשיא ואנו נפתח ונדרוש לגבור במסכתא עוקצין: ומיד הוי את נשיא. הכי אמר הוא דקאמר ליה לר' נתן תהוי את נשיא ואנא אב ב"ד: שמעינהו ר' יעקב בן קורשאי וכו'. אזל. הוא ליה יתיב אחורי עיליתיה דרשב"ג גרס במסכת עוקצין גרס ותני כי היכי דנשמעיה רשב"ג וניהיב דעתיה ונגמריה ולא תיכוי ליה כיסופא: שמעיה רשב"ג ואמר דלמא

דיא משנה · רבן שמעון בן גמליאל איז געוועז אנשיא · רבי מאיר איז געוועז אחכם · רבי נתן איז געוועז דער גרעסטער פון בית דין · אז רבן שמעון בן גמליאל פלעגט אריין גיין פלעגין דאס גאנצע פאלק אויף שטיין פאר איהם · אז רבי מאיר אדער רבי נתן פלעגין אריין גיין פלעגין אויך דאס גאנצע פאלק אויף שטיין פאר זייא · האט רבן שמעון בן גמליאל גיזאגט איך וויל מען זאל דער קענען דעם חילוק צווישען מיר און זייא · האט רבן שמעון בן גמליאל גימאכט אזוי אארדענונג ווי פריער שטייט · דעם טאג וואס רבן שמעון האט גימאכט דעם נייעם ארדענונג איז רבי מאיר און רבי נתן ניט גיוועז אין בית המדרש · אויף מארגין ווען רבי מאיר און רבי נתן זענען גיקומען אין בית המדרש · האבען זייא גיזעהן אז פאר זייא שטייט מען ניט אויף אזוי וויא מען שטייט אויף פאר רבי שמעון בן גמליאל · האט רבי מאיר און רבי נתן גיפרעגט וואס דאס איז · האט מען גיזאגט צו זייא אזוי האט רבי שמעון בן גמליאל גיהייסען · האט רבי מאיר גיזאגט צו רבי נתן איך בין אחכם און דוא ביסט דער גרעסטער פון בית דין לאמיר אונז געבין אעצה וואס מיר זאלען טאהן איצט: מיר וועלין זאגען צו איהם לערין מיט אונז די מסכת עוקצין · און ער קען זיא ניט לערנען · און אז ער וועט ניט וויסען דיא מסכת עוקצין וועלין מיר זאגין צו איהם דעם פסוק מי ימלל גבורות יי ישמיע כל תהלתו · פאר וועמען איז שיין צו ריידען דיא שטארקייט פון גאט · פאר דעם וואס ער קען מאכען הערען זיינע גאנצע לויב · אבער דוא קענסט דאך ניט מאכען הערען דיא גאנצע לויב פון גאט · ווארום דיא מסכת עוקצין קענסטו ניט · טארסטו ניט זיין קיין נשיא · וועסטו רבי נתן זיין אנשיא און איך וועל זיין דער גרעסטער פון בית דין · דער ווייל האט רבי יעקב בן קורשאי גיהערט די רייד וואס רבי מאיר און רבי נתן האבען גירעט · האט רבי יעקב גיזאגט טאמער חס ושלום וועט רבן שמעון פאר שעמט ווערין · איז גיגאנגען רבי יעקב און האט זיך גיזעצט אונטער דעם בוידים פון רבן שמעון בן גמליאל און האט גילערנט די מסכת עוקצין און געחזרת · און נאך אמאהל גילערנט און געחזרת · אזוי האט ער גיטאהן עטליכע מאהל · האט רבן שמעון בן גמליאל גיהערט וויא איינער לערנט און חזרת דיא מסכת עוקצין עטליכע מאהל · האט ער גיזאגט וואס קען דאס זיין וואס איינער לערנט אזוי דיא מסכת עוקצין איך זאל הערין · טאמער חס ושלום איז עפעס גיוואהרען אויף מיר אשרעכלעכע עצה אין בית המדרש מען זאל הייסען איך זאל לערנען

דיא

מ"ז היכא מידי במדרשא . לפי שהרגיש בעצמו שלא היה יודעה ויצע שחשבו עליו מחשבה רעה בבית המדרש כדי לבלעו והבין שלא עשה רבי יעקב בן קודשאי כן אלא כדי שיהיה רשב"ג דעתיה ולנמרה כדי שלא יבא לידי בזיון : יתיב דעתיה . עיין בה וגרסה למחר וכו' : קשייתא בפתקא . היו כותבין קושיות באגרות ומשליכין אותם בבית המדרש כדי לסלקו ומאי דלא הוו מפרקי בבי מדרשא כתבו אינהו פירוקא ושדו בבי מדרשא כדי לכרזות את הכמתם : תורה מבחוץ וכו' . אם לא יכנסו לבית המדרש או אנו נלך אליהם ונשב עמהם . קומרא . אבנט מוזהב שהיה חגור במתני אביך שהיה אב בית דין כלומר נהי דאהניא לך חביבותיה דאבוך דהוה אב ב"ד לשוייך אב ב"ד לשוייך נשיא מי אהני לך דקא בעית למיהוי נשיא : מהני

דעתיה עיין בה וגרסה למחר אמרו ליה ניתני מר בעוקצין פתח ותני בתר דאוקי א"ל אי לאו גמירנא כסיפתון פקיד ואפקינהו מבי מדרשא הוו כתבו קשייתא בפתקא ושדו התם דהוה מפרק הוה מפרק דלא הוה מפרק כתבי פירוקא ושדו אמר להו רבי יוסי תורה מבחוץ ואנו מבפנים אמר להו רשב"ג ניעלינהו מיהו ליקנסינהו דלא לימרו שמעתתא משמייהו אסיקו ליה לרבי מאיר אחרים ולרבי נתן יש אומרים אחוי להו בחלמייהו זילו פייסוה' (לרבן גמליאל) לרשב"ג ר' נתן אזל ר' מאיר . לא אזל אמר דברי חלומות לא מעלין ולא מורידין כי אזל ר' נתן א"ל רשב"ג נהי דאהני לך קומרא דאבוך למיהוי אב בית דין למיהוי נשיא מי אהני מתני ליה רבי לרבי שמעון בריה אחרים אומרים אילו היה תמורה (דף יד) לא היה קרב אמר ליה מי הם הללו שמימיתם

---

דיא מסכת עוקצין . ווייר זייא ווייסען אז איך קען זיא ניט . וועט מען מיך ארויס ווארפען פון דיא נשיאות . איז דער מענטש מיך גיקומען דער מאנען איך זאל נעמען לערנען דיא מסכת עוקצין . האט באלד רבן שמעון גינומען קלערען אין דיא מסכת עוקצין אונ האט זיא שוין גוט גילערנט . אויף מארגין איז רבן שמעון גיקומען אין בית המדרש . האבען דיא רבנן גיזאגט צו איהם זאל דער רבי מיט אונז לערנען דיא מסכת עוקצין . האט רבן שמעון אנגיהויבען אונ האט גילערנט דיא מסכת עוקצין . דער נאך וויא דיא תלמידים זענען אויף גישטאנען פון דעם לערנען . האט רבן שמעון צו זייא גיזאגט ווען איך וואלט דיא נאכט ניט גילערנט דיא מסכת עוקצין וואלט איר מיך פאר שעמט . האט רבן שמעון גיהייסען רבי מאיר אונ רבי נתן זאלען ארויס גיין פון בית המדרש . האט רבי מאיר אונ רבי נתן געשריבען קשיות אויף פאפיר אונ האבין דאס אריין גיווארפען אין בית המדרש . מען זאל ענטפערין תירוצים אויף דיא קשיות . די קשיות וואס מען האט אין בית המדרש פאר ענטפערט . האט מען פאר ענטפערט . דיא קשיות וואס מען האט ניט געוואוסט אין בית המדרש צו פאר ענטפערין . האבען רבי מאיר אונ רבי נתן אויף געשריבען דיא תירוצים אונ האבען אריין גיווארפען אין בית המדרש . צו וויזען אז זייא קענען בעסער לערנען וויא רבן שמעון . האט רבי יוסי גיזאגט צו דיא רבנן דיא תורה איז אויסער דעם בית המדרש אונ מיר זענען אין בית המדרש . האט רבן שמעון בן גמליאל גיזאגט זאל מען זייא אריין ברענגען אין בית המדרש . נאר מען זאל זייא קנסנן מען זאל ניט זאגין קיין דין פון זייער נאמען . האט מען גירופען רבי מאיר אחרים . אנדערע זאגין . אונ רבי נתן האט מען גירופען יש אומרים . אנדערע זאגין . האט מען גיזאגט צו רבי מאיר אונ צו רבי נתן אין חלום זייא זאלען גיין איבער בעטין צו רבן שמעון בן גמליאל . רבי נתן איז גיגאנגען צו רבן שמעון איהם איבער בעטין . אונ רבי מאיר איז ניט גיגאנגען . ער האט גיזאגט דיא רייד פון חלומות ניט זייא פאר בעסערין ניט זייא פאר ערגערין . ווען רבי נתן איז גיגאנגען צו רבן שמעון . האט רבן שמעון צו איהם גיזאגט אמת דער גאלדענער גארטעל פון דיין פאטער ווס ער איז גיוועזען דער גרעסטער פון בית דין . האט דיר גיהאלפען דוא זאלסט אויך ווערין דער גרעסטער פון בית דין . אבער צו זיין א נשיא האט ער דיר ניט גיהאלפען . פאר וואס האסטו גיוואלט ווערין א נשיא . רבי דער זוהן פון רבן שמעון בן גמליאל האט גילערנט מיט זיין זוהן רבי שמעון אנדערע זאגין ווען דער קרבן וואלט גיוועזען אפאר טאהשטער וואלט מען איהם ניט מקריב גיוועזען . האט רבי שמעון גיזאגט צו זיין פאטער רבי ווער זענען דאס דיא תנאים וואס מיר טרינקען זייערע וואסער נאר לערנען זייער תורה אונ מיר דער מאנען ניט זייערע נעמען .

האט

שמיהם אנו שותים ושמותם אין אנו מזכירין א"ל בני אדם שבקשו לעקור כבודך וכבוד בית אביך א"ל (קהלת ט) גם אהבתם גם שנאתם גם קנאתם כבר אבדה א"ל (תהלים ט) האויב תמו חרבות לנצח א"ל הני מילי היכא דאהני מעשיהו רבנן לא אהנו מעשיהו הדר אתנייה אמרו משום ר' מאיר אילו היה תמורה לא היה קרב אמר רבא ואפילו רבי דענותנא הוה תנא אמרו משום ר' מאיר (אומר) לא אמר :

**יח א"ר** יוחנן פליגי בה ר'. שמעון בן גמליאל ורבנן תד אמר סיני עדיף וחד אמר עוקר הרים עדיף רב יוסף סיני רבה עוקר הרים שלחו לתמן סיני ועוקר הרים הי מנייהו עדיף שלחו להו סיני עדיף דהכל צריכים

ליה ל' לר"ש אחרים אומרים . והיינו רבי מאיר והוי מתני ליה כתקנתא דרשב"ג אבוה א"ל ר"ש בריה מי הם הללו וכו' : גם אהבתם גם שנאתם וגו'. כלומר כבר מתו ומה מקום לאיבה זו ומכאן ואילך יפה לזכרן בשמותם : האויב תמו חרבות לנצח . דמשמע האע"פ (שתמו האויבים) שכבר מתו חרבות לנצח ואין יפה להזכירם כך פירש"י : אפילו רבי דעניו הוא . הכא לא הוה משמתא יתירה דאמר אמרו משום ר"מ ולא רצה לומר כדאית אמר ר"מ :

סיני עדיף. מי שמשנה וברייתא סדורה לו כנתינתן מהר סיני : ורבה עוקר הרים . שהיה חריף ומפולפל בתורה הרבה ואמאי קרי ליה עוקר הרים שהיה מפרק קושיות שהיו דומין כהרים שאין אדם יכול לפרקן וכי איצטריך להו עלמא בבבל למנוי חד מניהו בר"ישא : שלחו לתמן . לא"י : סיני דעוקר הרים הי מניהו עדיף שלחו מהם סיני עדיף שהכל צריכין למרי חטיא . דכולי עלמא צריכי ליה

---

האט רבי געזאגט צו רבי שמעון דאס זענען אזעלכע מענטשן וואס זיא האבען געוואלט אויס רייסען דיין כבוד אונ דעם כבוד פון דיין פאטער . האט רבי שמעון געזאגט צו זיין פאטער רבי זייער ליבשאפט אונ זייער פיינדשאפט אונ זייער קנאה איז שוין לאנג פאר לארין ; דיין פאטער אונ דיא תנאים וואס האבען געקריגט מיט דיין פאטער זענען שוין אויך געשטארבין . דארפסטו זיא שוין ניט פיינט האבין אונ מעגסט שוין דער מאנען זייער נאמען . האט רבי געזאגט צוא זיין זוהן רבי שמעון עס שטייט אין פסוק האויב תמו חרבות לנצח . דאס מיינט מען דער פיינד האט זיך אויס גילאזט . אבער זיינע פארוויסטונג איז געבליבען אויף אייביג ; האט רבי שמעון געזאגט דאס איז נאר אז דיא פיינד פירען אויס זייער שלעכטס . אבער די רבנן האבען דאך זייער שלעכטס ניט אויס געפירט . דיין פאטער איז דאך געבליבען אנשיא אזוי וויא ער איז געוועזן בארך מען דאך ניט זיין אזוי אשונא צו די רבנן . האט רבי נאך אמאהל גילערנט דעם דין מיט זיין זוהן רבי שמעון אונ האט געזאגט . מען זאגט פון רבי מאירס וועגין ווען דער קרבן וואלט געוועזן אפאר טאהשטער וואלט מען איהם ניט מקריב געוועזן . רבא זאגט פון דעסטוועגין איז נאך דיא פיינדשאפט ניט אוועק גיגאנגען אין גאנצין אפילו פון רבי וואס ער איז ביי זיך געוועזן נידעריג . ווארום ער האט גילערנט מיט רבי שמעון מען האט געזאגט פון רבי מאירס וועגין . אונ ער האט ניט געזאגט רבי מאיר זאגט ;

**יח** אמר . רבי יוחנן האט געזאגט אין דער זאך האבען געקריגט רבן שמעון בן גמליאל מיט דיא רבנן . איינער זאגט אסיני איז בעסער דאס מיינט מען דער וואס איז קלאר אין ש"ס אונ אין פוסקים אפילו ער איז ניט אזוי אחריף . איז ער בעסער וויא דער וואס איז אחריף אונ איז ניט קלאר אין ש"ס אונ אין פוסקים . אונ איינער זאגט דער וואס איז אעוקר הרים ער איז אחריף ער רייסט אויס בערג . דאס מיינט מען דער שכל זיינער איז שארף אויס צוא רייסען קשיות וואס זענען אזוי וויא בערג אונ זיא צו פאר ענטפערין אפילו ער איז ניט קלאר אין ש"ס אונ אין פוסקים איז ער בעסער וויא דער וואס איז קלאר אין ש"ס אונ זיין פוסקים אונ איז ניט קיין חריף . רב יוסף איז געוועזן אסיני . אונ רבה איז געוועזן אעוקר הרים . אונ אין בבל האט מען גידארפט האבען אראש ישיבה . האבען זיא געשיקט אין ארץ ישראל פרעגין . אסיני אונ אעוקר הרים וועלכער איז בעסער . האט מען געשיקט פון ארץ ישראל זאגין אסיני איז בעסער . ווארום אלע דארפען אן קומען צו דעם וואס האט צו פאר קויפין ווייץ . ווארוב אפילו איינער איז רייך אונ האט געלט . דאס גערט וועט ער ניט עסין . ער מוז קומען קויפין ווייץ צום עסין . אבער דער וואס האט ווייץ אפילו ער האט ניט קיין געלט אויף אנדערע זאכען צוא קויפען אבער שטארבען פאר הונגער וועט ער שוין ניט . דא איז אויך אזוי . דער וואס האט אשארפען

שכל

צריכים למרי חטיא ואפ"ה לא קביל עליה רב יוסף מלך רבה עשרין ותרתין שנין והדר מלך רב יוסף מלתו שני דמלך רבה רב יוסף אפי' אומנא לביתו לא קרא אביי ורבא ור' זירא ורבה בר רב מתנה הוו יתבי והוו צריכי לרישא אמרו כל דאמר מלתא ולא מפריך ליהוי רישא כולהו איפרוך דאביי לא איפרוך חזייה רבא לאביי דגבה רישא א"ל נחמני פתח ואימא איבעיא להו רבי זירא ורבה בר רב מתנה הי מנייהו עדיף
רבי

ואפילו עתירי סלעין ודינרין דמאי מהני ליה למרי זיי אי לא משכח חטי למזבן בגווייהו. אבל מרי חטי לא צריך לכ"ע כולי האי דא"צ ליה ליה זוזי למזבן בהו שאר מילי דצריכי ליה נאחר דאית ליה חטי יכול למחיה בגווייהו. ועוקר הרים דמי לעתיר סלעין דלית ליה חטי דאי משכח מאן דמזבן ליה חטי בזוזיה מהני ליה זוזיה ואי לא לא מהני ליה ולא מידי ואף הכי הוה עוקר הרים דהוי מפולפל ומחודד דאי משכח מאן דהני ליה מתניתא ושמעתתא מהני ליה חדודי ופלפוליה דיכול למידק מנייהו אגב פלפוליה כמה מילי דלא יכלי שאר אינשי למידק ואי לא משכח מאן דהני ליה מתניתא ומהדר קמיה בשמעתתא מאי מהני ליה פלפולא ובפרק מי שמתו קרי ליה לבעל פלפול עתיר סלעין וקרי לבעל שמועות עתיר מטא ומסיק נמי התם הכל צריכין למרי חטיא: אפ"ה לא קביל עליה רב יוסף. כלומר אע"ג דהוה רב יוסף סיני וכולהו מהם סיני עדיף לא קבליה רב יוסף למהוי רישא משום יקריה דרבה: מלך עשרין ותרתין שנין. עד דנח נפשיה והדר מלך רב יוסף. מאן דהוי רישא במתיבתא קרי מלכותא: כולהו שני דמלך רבה אפי' אומנא. כלומר. כיון דהשפיל רב יוסף את עצמו ולא רצה לנהוג גדולה בפני רבה הגיעה זכות עמתנותו עליו שעל אנשי ביתו שלא הלך אחד מהם כל השנים אשר מלך רבה ואפילו אומנא להקיז דם לא הוצרך לקרות בביתו: אביי ורבא ור' זירא ורבה בר רב מתנה הוו יתבי בהדדי והוו צריכי לרישא. כלומר היו צריכין למנות ראש עליהן לאותה שעה כדי שיכנס להם ויסדר להם משניות וברייתות והם יקבו לו והוא יתרץ לפי שהיו כולם חכמים גדולים ורצויין להיות ראשים ולא היה אחד מהם כפוף לחברו ולא היה אפשר לאחד מהם למנות את השני כדי שלא יתקנא בו השלישי או הרביעי לפיכך אמרו כל מאן דאמר מלתא ונא מיפרכי ליהוי רישא אמרו כל חד מנייהו מלתא וכלהו איפריך: חזייה רבא לאביי דגבה רישיה. כלומר ראה לו ברמת ראש ולבלות פנים מהמת דלא איפריכא מלתיה: א"ל נחמני פתח ואימא. דקיי"ל לן דמטמיא פסקי לך רבותא ופי' רבינו האי גאון ז"ל דאביי נחמני שמו ומיפרשא בכמה דוכתי בגמרא. וקרו רבנן דבר אחוה דרבה בר נחמני הוה והלמידו וכיון דהוה שמיה נחמני כשם אבוה דרבה לא הוה קרי ליה בכל שעתא נחמני בשם אבוה אלא הוה קרי אביי בלשון ארמית כאדם בקורא אבי וסליק ליה וכיון שהיה מן האבות והגדולה קריוה רבנן הכי ע"כ דבריו ז"ל: איבעיא להו ר' זירא ורבה בר רב מתנה הי מנייהו עדיף. והשתא מפרש מדה דכל חד מנייהו רבי זירא חריף ומקשי מתוך פלפולו היה יודע להקשות ולתרץ מיהו
גו

---

שכל. אז מען לערונט פאר איהם משניות אונ גמרא. ווייס ער צו פרעגין קשיות אונ צו ענפערין תירוצים. אבער אז ער האט ניט גילערנט דיא משנה אונ דיא גמרא. אונ ער ווייס פון זייא גאר ניט. וואס וועט ער טאהן מיט זיין שכל. ער ווייס ניט צו פרעגין אונ ווייס ניט צו ענפערין. אבער דער וואס איז קלאר אין ש"ס אונ אין פוסקים. אפילו ער ווייס ניט צו פרעגין קשיות אונ צו ענפערין תירוצים. אבער אלע דינים ווייס ער. פון דעסטוועגין האט רב יוסף ניט גיוואלט זיין ראש ישיבה. איז רבה גיווארען ראש ישיבה אויף צוויא אונ צוואנציג יאהר. דער נאך אז רבה איז גישטארבען איז גיווארען רב יוסף ראש ישיבה. דיא גאנצע צוויא אונ צוואנציג יאהר וואס רבה איז גיוועזן ראש ישיבה. איז קיין מענטש ניט קראנק גיוועזן בייא רב יוסף אין שטוב. ער האט ניט גידארפט רופען קיין רופא אפילו אדער צו עפענען גאט האט איהם בצאהלט זיין שכר ווייל ער איז גיוועזן בייא זיך נידעריג אונ האט ניט גיוואלט ווערין ראש ישיבה דורך דעם כבוד פון רבה. אביי אונ רבא אונ רבי זירא אונ רבה בר רב מתנה זענען אמאהל גיזעסין. אונ זייא האבען בעדארפט אנגרעסערין חכם וואס זאל זייא ענפערין זייערע קשיות וואס זייא האבען צו פרעגין. האבען זייא אזוי גיזאגט ווער פון אונז פיר וועט זאגין צואך אונ מען וועט ניט קענען פרעגין קיין קשיא אויף זיינע רייד. דער זאל ווערין אעלצטער אויף אונז דריי. דיא רייד פון אלע דרייא זענען אפ גיפרעגט גיווארען. די רייד פון אביי איז ניט אפ גיפרעגט גיווארען. האט רבא גיזעהן וויא אביי הייבט אויף דעם קאפ אונ ער ווערט פרייליך וואס זיינע רייד זענען ניט אפ גיפרעגט גיווארען. האבען זייא גיזאגט צוא אביי. נחמני עפען דיין מויל אונ זאג אונז אדרשה. ווארום דוא ביזט שוין אויף אונז איין עלצטער. ואביי האט גיהייסען נחמני. האבען זייא גיקלערט רבי זירא אונ רבה בר רב מתנה וועלכער איז בעסער. רבי זירא איז גיוועזן אחריף אונ האט גיפרעגט קשיות אונ גיענפערט תירוצים. אבער ארויס נעמען אדין פון זיין פלפול האט ער ניט גיקענט. רבה בר רב מתנה איז ניט גיוועזן אזוי געשווינט צום פרעגין אונ צום ענפערין. ער האט גילערנט גאנץ פאמעלאך אונ האט נוט איבער גיקלערט אקשיא אונ אתירוץ. ביז ער האט ארויס גינומען צו וויסען דעם ריכטיגען דין. וועלכער פון
פלוכו

רבי זירא חריף ומקשי רבה בר רב מתנא מתון ומסיק מאי תיקו :

לא הוה ידע לאסוק שמעתא אליבא דהלכתא : רבה בר רב מתנה מתון ומסיק . כלומר לא היה מפולפל וחריף כל כך להקשות ולתרץ מיד אלא היה שוהה ומעיין בנחת יפה יפה עד דהוה סלקא ליה שמעתא אליבא דהלכתא : מאי . כי מייתו עדיף וסלקא בתיקו :

## סליק מסכת הוריות

זייא איז בעסער . האט מען ניט געוואוסט צו זאגען . אנדערע האבען געזאגט רבי זירא איז בעסער . אנדערע האבען געזאגט רבה בר רב מתנה איז בעסער . איז דיא זאך בייא זייא געבליבען אין ספק :

## סליק סדר נזיקין